STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03213

IN ZKHUS FUN DI TEG

Mosheh Oved

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

1.9.46.

משה עובד

אין זכות פון די טעג

איבערזעצט פון ענגליש — א. אלמוג

מיט דער מיטהילף פון מחבר.

לאנדאן 1946

אינהאלט

	זייט
דאָס וואָרט און דאָס געלד	5
דער קאַראַוואַן פון ליכט	7
אַ הייליג געוועלב	10
הדר־דורות, לטד,	15
דער לעצטער אויספערקויף	18
זעהען און הערען	21
דער יסוד פון שבת	23
דער בוים פון ישראל	27
דער משיח אין קייטען	31
דער דיאַמאַנטען־רינג	37
דער צובראָכענער שפיעגעל	39
די רפואה	42
די קארנעאלישע פּאַטשערקעס	45
די דריי זינגערס	47
דער ימיאל בוים	51
די לייטער פון יצירה	53

דאס ווארט און דאס גאלד

מיט מיר האָט עס אַזוי פּאַסירט. אין דער יוגענד האָב איך נישט משיג געווען דאָס וואָרט. נאָר שפּעטער, ווען כ'בין געוואָרען אַ יוּוועלירער, בעת מיינע פינגער זיינען בעלעבט געוואָרען און מיין גייסט אויפגעוועקט דורך פּאַרצייטישע ציערונג, האָב איך ענטדעקט אַ בריק, וואָס פיהרט פון'ם לעבעדיגען גאָלד צום לעבעדיגען וואָרט. איבערקווערענדיג אָט די בריק, האָב איך געפונען, אַז דאָס אַלטע וואָרט פון דור־דורות איז תמיד בליענד־ניי, ווי דאָס גאָלד פון פּאַרצייטענס; בשעת דאָס נייע וואָרט און דאָס נייע גאָלד פון אונזערע טעג האָט פאַר מיר אויסגעזעהען פּאַרוויאַנעט און לעבלאָז. און מיין האַרץ האָט געקלאָגט איבער דער דאָזיגער פערוועלקונג, וואָס די סיבה דערפון איז לעת־עתה נאָך געוועזען פערהוילען פון מיר.

טייל מאָל פלעגט אַ שטערען זיך אַ גליטש־אַראָפּ טוהן איבער'ן אָנלעהן פון זיין שטראהל צו מיר אין מיין בענקשאַפט אַריין. מיט אַ חזיון, אַז וואָרט און גאָלד וועלען נאָך אויפגעריכט ווערען אין זייער מלכות. אָפט האָט זיך מיר גע'חלומ'ט, אַז איך לעב מער נישט אויפ'ן חשבון פון אַמאָליגער פּראַכט; אַז איך בעשאַף אַליין, און העלף צו בעשאַפען, אין אונזער צייט, אַן עונג, וואָס איז ראוי מיר זאָלען פון איהם טועם זיין און דורות להבא זאָלען פון איהם געניעסען. ביז עס איז טאַקע געקומען דער טאָג, וואָס האָט פאַרווירקליכט אָט דעם חלום, און געגעבען תוכן דער זעהונג.

אומצעהלבאַר און אָהן אַ סוף זיינען די קולות, וואָס רופען און די וועגען, וואָס פיהרען צו גאָט. און ווען מיר געהאָרכען דעם רוף און וועהלען אויס דעם וועג, געפינען מיר, אַז ער קומט אונז אַנטקעגען נאָך מער ווי אויפ'ן האַלבען וועג. ער קומט אויף אַ פייערדיגען רייטוואָגען דעם גאַנצען וועג, און ענטפּלעקט זיינע וואונדער אַרום אונז און אין אונז, ווי אַ שלל פון ליכט, ווי אַ גאָס־רעגען, ביז מיר ווערען אַדורכגעווייקט אין זיין הערליכקייט.

ענגלאַנד האָט געבוירען אַ טאָכטער, און דער פריהלינג פון 1928 האָט זי געברענגט צו מיר אין לעבען אַריין. זי האָט געהאַט געלערענט און האָט

עוסק געווען אין דער יואוועליר־קונסט, און זי האָט געהאַט אַ גוטען קאָפּ און געווען אַ מתמידה, און בעהערשט איהר מלאכה. צי וואָלט דען זשאַן ד'ארק געקענט בעקומען אַ בעסערע רעקאָמענדאַציע?

נאָך אונזער ערשטען שמועס וואָס האָט קוים געדויערט אַ געמיינזאַמע שעה פון אונזערע לעבענס האָב איך איהר פאָרגעשלאָגען, אַז אין דער צוקונפט זאָל זי אויסהעמערען גאָלד, ווי די נביאים האָבען אויסגעהעמערט זייער וואָרט, און אויך אַז זי זאָל מיר העלפען שרייבען אַ בוך אויף ענגליש. „וואָרום איך קען עס נישט שאַפען אויף אידיש, מיין מאַמע-לשון", האָב איך איהר געגעבען צו פערשטעהן, „ווייל איך ליעב די שפּראַך צו פיעל, זי צוגעהט מיר אין האַרץ ווי פוטער, און פון פוטער קען מען נישט שאַפען קיין אייביגע מאָנומענטען."

זי האָט תיכף איינגעוויליגט צו מיינע ביידע פאָרשלאָגען. זי האָט אָנגעהויבען צו שאַפען מייסטערווערק אין גאָלד, מחמת צו איהר ענגלישער, קריסטליכער נשמה האָט זיך בעהאָפטען דער מעכטיגער גייסט פון יהוה. זי האָט זיך אויסגעלערענט אַביסעל אידיש און העברעאיש, און מיך בעדינט בעת איך האָב געשריבען דאָס בוך, וואָס מיר האָבען גערופען „דאָס בוך פון קרובה'שאַפט". איהר האָב איך אַ נאָמען געגעבען אהביאל.

דער קאראוואן פון ליכט

אהביאל, די ציערונגס־קינסטלערין, האט נישט גערוהט, נאר געשאפען איין רירענדיגע יואוועל נאך דער אנדערער. אויב בצלאל דער יואוועלען־קינסטלער פון דער מדבר און ליפעראנט צום מלך מלכי המלכים, וואלט געקענט זעהען איהר ארבייט, וואלט ער געהאט גרויס נחת פון זיין גייסטליך איייניקעל.

איך האב אמאל געזאגט צו א קונה, „אויב דער פרינץ פון מלכות בית דוד קומט נישט, איז עס נישט מיין שולד. איך האב געטהון מיין חוב. האב אנגעגרייט די ציערונג פאר זיינעטוועגען."

„זאגט מיר, ביטע," האט דער קונה געענטפערט, „וואס וועט איהר טוהן אין פאל דער פרינץ וועט ליעבער בעגעהרען צו טראגען א דערנער־קרוין?".

„אין דעם פאל וועל איך איהם אוועקפיהרען צו א יואוועלירער פון לעצטע מאדעס", האב איך געזאגט מיט א שמייכעל.

דערויף האט דער קונה געמאכט די בעמערקונג, „דאס איז דאך אהן ספק א צו ערענסטער ענין דערפון צו לאכען!"

„ניין, עס מאכט נישט אויס. די ערד איז פול מיט הערליכקייט, און די הימלען מיט געלעכטער."

„עס איז באמת א שאד, א גרויסער שאד," האט דער קונה ווייטער געזאגט, וואס די הימלען לאכען נישט מיט דעם מענטשען, נאר פון איהם."

ווען דער קונה איז אוועק, איז די זון שוין געלעגען אין א טיעפען שלאף, צוגעדעקט מיט א שווארץ איבערבעט. דעמאלט האט זיך אויפגעעפענט די טיהר און צוויי דורות, א אידישע פרוי מיט א יונג אידיש מיידעל, זיינען אריינגעקומען צוזאמען. די פרוי אין די מיטעלע יאהרען, האט געפונען א געלעגענהייט מיר צוצושעפטשען, אז דעם מיידעל'ס לעבען איז אנגעפילט מיט טראגעדיע, און אז זי האט זי אהערגעברענגט צו מיר אין געשעפט אריין, כדי צו געפינען עפעס, וואס זאל זי משמח זיין. איך האב ארויפגעלעגט די

שענסטע זאַכען אויף מיין צעהלטיש, און געפרעגט דאָס מיידעל, צי זי וואָלט געוואָלט איך זאָל זי פערוואַנדלען אין אַ צויבער־מעשה'לע פּרינצעסין?

„איך אַ פּרינצעסין?" האָט זי געזיפצט — „אַ פערטריבענע און יעדער אבר אַ וואונד".

נישט ריידענדיג קיין וואָרט האָב איך באַנדאַזשירט איהר האַלז, אָרעמס, פינגער און טאַליע, מיט דעם הייליגען און היילענדיגען גאָלד פון אהביאל.

זי האָט אַ קוק געטון אין שפּיגעל, און געזאָגט, בעת טרעהרען זיינען איהר געקומען אין די אויגען אריין: „איך דאַנק דיר, האַר גאָט, צום ערשטען מאָל, פאַר די וואונדען מיינע. וואָרום איצט־אָ האָב איך בעקומען אַ שכר פאַר מיינע יסורים."

יענער נאַכט, פערשליסענדיג דאָס געשעפט, האָב איך ארויפגעבליקט צו לאַנדאָן'ס הימעל און געזאָגט, „אָרימער פירמאַמענט, די ציערונג פון דער ערד פערשאַפען מער נחמה ווי דיינע!"

און צומאָרגענס האָב איך מיך געפעדערט צו קומען זעהר פרי אין געשעפט אריין און האָב נאָכגעטראַכט איבער אָט די זאַכען. באַלד איז פערפאָהרען אַ קאַראַוואַן פון ליכט פאַר מיין טיהר, און עס איז אויסגעשטיגען אַ יונגע פרוי, וועמענס האָר זיינען געווען שוואַרץ ווי דער חושך פון מצרים, און וועמענס אויגען האָבען געגלאַנצט מיט'ן גלאַנץ פון גאולה. זי איז געווען אָנגעטוהן אין אַ פוטערנעם מאַנטעל ווי רעמבראַנדט'ס אַ רב, און זי האָט געשמיי־כעלט ווי די שטערען. ווען זי האָט גערעדט האָט איהר לשון געהאַט אַזאַ זיסען טעם, פונקט ווי די פּיקאַנטעסטע אַקצענטען פון אַלע לשונות וואָלטען געווען אריינגעגאָסען דעריין.

זי האָט מיר געזאָגט, אַז זי זוכט אַ האַלז־באַנד, וואָס זאָל ענטהאַלטען זיבעציג טייערע קאַרנעאַלישע פּאַטשערקעס. איך האָב איהר אָנגעבאָטען האַלב־טייערע ,נישט געהאַט קיין אַנדערע. „זיי מוזען זיין גאַנץ טייערע", האָט זי געפאָדערט.

איך האָב איהר געוויזען די ציערונג פון אהביאל. זי האָט זיך בעדעקט מיט דידאָזיגע, ביז זי האָט אויסגעזעהען ווי אַ טעמפּעל פון גאָלד, וואָס ענט־פּלעקט זיך פאַר דעם עולה־רגל'ס אויג.

„אין אָט די ציערונג", האָט זי דערקלערט, „זעה איך, וואָס איך בין די נשמה פון ישראל, ישראל'ס ווידערגעבורט. דו זאָלסט פאָהרען מיט אהביאל

קיין ירושלים, צו גרינדען דאָרטען אַ הויז פאַר הייליגער שעהנקייט, פונקט ווי עס זיינען אַט דידאָזיגע יואוועלען. אַט דאָס איז דיין חוב."

איך האָב אויסגעשטרעקט מיין האַנד צו נעמען די ציערונג, און אונזערע פינגער האָבען זיך אָנגעריהרט. די ערד האָט געציטערט, דער ים האָט געברויזט.

„דו האָסט בעקומען מיינע בעפעהלען", האָט זי געזאָגט, און איז פלוצלונג און מיסטעריעז פערשוואונדען, פונקט אַזוי ווי זי האָט זיך בעוויזען.

א הייליג געוועלב

פון דער רגע אָן בין איך אָנגעפיהלט געוואָרען מיט אַ שטאַרקען חשק אויפצו־בויען אַ געוועלב אין ירושלים, אַ טעמפעל פאַר שעהנקייט. אין מיטען דעם געוועלב זאָל זיין אַ מיניאַטור געוועלבעלע מיט קליינינקע, שעהנע חפצים פאַר דער יוגענד און פאַר קינדער, וואָרום איך האָב שטאַרק געגלויבט אין דער געוואַלדיגער וויכטיגקייט פון געבען זיי אַלע אַ יואוועלען־קולטור. איידעל־שטיינער, וואָס זיינען די דויערהאַפטיגסטע עדות פון כביכול, דאַרפען זיין די בכורה פון יעדען נאַר־וואָס געבוירענעם נפש׳ל.

איך האָב צונויפגעזאַמעלט אַ גאַנצען רעגימענט ענגלישע פונטען, און בעשלאָסען זיי אַוועקצופיהרען קיין ירושלים, כדי דאָרט אויפצובויען דאָס הייליגע געוועלב. האָב איינגעפּאַקט אַ סך פון מיינע טייערסטע איידעל־שטיינער, היסטאָרישע און פאַר־היסטאָרישע, פערשיעדענע קלייניגקייטען און פראַגמענטען פון אַלע צייט־אַלטערס, וועלכע איך האָב געזאַמעלט במשך אַ פיערטעל יאָהר-הונדערט און זיי אויסגעבריהט מיט ליעבשאַפט. גענומען מיט מיר אהביאל און אַ חלק פון איהרע שעפּפונגען; אויך איינגע הערעאָאישע פּאָרטרעט ביוסטען פון דעם ענגליש־אידישען סקולפּטאָר יעקב עפּשטיין, און בין אַרויס פון מיין נאַטוראַליזירט לאַנד און פון מיין משפחה.

סוף יאָהר 1934 זיינען מיר אָנגעקומען קיין ירושלים.

דאָס איז נישט קיין רייזע־בוך וואָס זאָל בעשרייבען נאַציאָנאַלע טראַכ־טען, מאכלים און קלימאַטען. דערפאַר טאַקע מוז מען אַרויסלאָזען אַ טויזענד און איין פּאַסירונגען, וואָרום עס איז אַ ספר פון אַן עולה־רגל.

ווי נאָר מיר זיינען אָנגעקומען האָבען מיר אַדורכגעשפּאַצירט אַלע גאַסען און געסלעך, כדי אויסצוגעפינען אַ פּאַסיג אָרט, וואו אויפצובויען דאָס גע־וועלב. צום גליק האָבען מיר געפונען אין ירושלים איינעם פון אונזערע פריינד, דעם דייטש־אידישען אַרכיטעקט עריך מענדעלזאָהן. גלייך ווי מיר האָבען איהם דערצעהלט פון אונזער חלום, האָט ער אָנגעצייכענט אַ פּלאַן

אין הסכם מיט אַט דעם חלום אונזערן; און מיר האָבען געזוכט אַן אָרט, וואָס זאָל האַרמאָניזירען מיט זיין פּלאַן.

דעם גאַנצען וועג פון לאָנדאָן ביז ירושלים האָבען מיר גערעדט נאָר געשעפט און געשעפט. פערבייפאָרענדיג סיציליען, קרעטא, די פּעלאָפּאָנע־זישע אינזלען, פלעגען מיר אַ שפּאַס טוהן, „וואָלט נישט אונזער געשעפט אויסגעזעהען וואונדערלעך אויפ'ן שפּיץ פון יענעם פעלזען, צי ביים ברעג פון אַט יענער כוואַליע?" אין דער ווירקליכקייט אָבער און גאַנץ ערענסט האָבען מיר זיך געוואונשען עס צו האָבען נאָר אין ירושלים. נאָר דוקא דאָרטען, צווישען דעם קיבוץ אידישע אויס־גלות מענטשען, האָבען מיר גע־וואָלט איינזאַמלען די יואוועלען־פּליטים.

עס איז געווען אונזער דעה, אַז דאָרטען זאָל איך מיך מער נישט קליידען ווי אַ מערב־אייראָפּעאישער פּראַנט, נאָר עסטהעטיש, ווי עס געשיקט זיך פאַר אַ „כהן" פון שעהנקייט. און אהביאל האָט געזאָלט האָבען אַ קליינע ווערקשטעל אין דעם הייליגען געוועלב מיט אַ פענסטער צו דער מדבר. די פיינסטע מענטשען פון אַלע פעלקער זאָלען קומען צו אונז, נישט בלויז צוליעב ציערונג און איידעל־שטיינער, נאָר אויך צו קויפען די געשמאַקפולסטע לעפעל און גאָפּעל, און די שעהנסטע קנעפּ, וואָס וועלען זיין דער שטאָלץ פון דער אייביגער שטאָדט.

אַזוי ווי מיר האָבען אויסגעפונען, אַז די מדבר אין דער שטאָדט איז שוין געווען בעוואוינט, איז געבליבען פאַר אונז נישט אַנדערש ווי נאָר אַרומ־צוגעהן וואָכענלאַנג איבער די בערג, וואָס רינגלען אַרום די שטאָדט, כדי צו געפינען דאָס אידעאַלע אָרט. צום סוף האָבען מיר עס געפונען אויפ'ן שפּיץ פון הר־הצופים, הינטער דעם בית־עלמין פאַר ענגלישע געפאַלענע סאָלדאַטען, מיט'ן פּנים צו די בערג פון מואב. אַט דער פערלאָזענער פּונקט האָט אונז פּשוט פער'כשופ'ט מיט זיין הערליכער פּאַנאָראַמע און מיר האָבען בעשלאָסען צו צאָהלען ביז אַ גאָר גרויסער מענגע ענגלישע פונטען פאַר אַן אַכטעל מאָרגע לאַנד, קוים גענוג פאַר אַ קליין געשעפט מיט אַ קליינטשיג גערטענדעל אַרום און אַ פּיצעלע פאַנטאַן. אין אַט דער רגע, ווען מיר האָבען געזאָלט בעצאָהלען פאַר'ן שטח ערד, האָב איך בעקומען אַ מיטטיילונג פון מיינע בעשעפטיגטע אין לאָנדאָן, אַז מען דאַרף האָבען דאָס געלד דאָרטען. אַט־אַ דער געוואַל־דיגער קלאַפּ האָט צושמעטערט מיין חלום.

איך האָב מעהר נישט געוואוסט ווי אַזוי מען קען מקיים זיין די בע־

פעהלען פון דער נשמה פון ישראל, און בין ארומגעגאנגען א טרויעריגער אויפ'ן הר־הצופים. אין מיין יאוש האָב איך בעמערקט דעם זיידען מיינעם שטעהן ביי דעם פערלאָזטען שטיקעל לאַנד. ביים לעבען איז ער געוועזען א גרויסער אביון, איצט אָבער האָט ער געטראָגען א זיידענע קאַפּאָטע, און דער גאַרטעל האָט געהאַט פרענזלעך. וואָס האָבען אָנגעריהרט די עקען פון זיין פּאַטריאַרכאַלער, זילבערנער באָרד. אין דער לינקער האַנד האָט ער גע־האַלטען א לאַנגע, גאָלדענע ליולקע, אין וועלכער ס'איז נישט געוועזען קיין טיטון און דאָך האָט זי זיך געברענט, און אין זיין רעכטער האַנד — א טאַבאַק שקעטעלע, אין וועלכען ס'איז נישט געוועזען קיין טאַבאַק און דאָך האָט עס אָנגעפילט די לופט מיט א געשמאַקען ריח.

„וואָס מאַכסטו?"

„וואָס מאַכט זיידעניו?"

„גאַנץ גוט מיין איניקעל. איך בין שוין נישט מעהר קיין עבד־עבדים אין עפּעס א פּויליש שטעדטעל, א העק, נאָר בין שמש אין גן-עדן."

דערמאָנענדיג זיך ווי ער איז געווען בכה כל ימיו צו צושמעטערען לאַנג־וויליגקייט מיט געלעכטער האָב איך א זאָג געטוהן:

„דאָס איז מן הסתם איינער פון זיידען'ס וויצען. וויאַזוי קומט עס צום זיידען צו דערגרייכען אַזאַ מדרגה?"

„כאַפּ נאָר נישט און וועסט אַלץ הערען," האָט ער פּאַמעלעך געזאָגט און געריכערט זיין ליולקע מיט פערגעניגען. „ווען איך בין נפטר געוואָרען, האָט דער גרויסער מלאך מיכאל זיך בעוויזען מיט א גאָלדענער וואָגשאָל, וואָס אויף איין טעלער דערפון איז געווען אויפגעשריבען „מעשים טובים", און אויפ'ן צווייטען — „חטאים". „רב שמואל," האָט ער אָנגעהויבען, „איך בעפעהל אייך, זיך אויסצוטהון די ווייסע תכריכים, און צו דערשיינען אַזוי ווי איהר זענט;" און ער האָט מיך אויפגעהאָנגען מיט'ן קאָפּ אַראָב ביי דער שטאַנג, ווי א צינגעל פאַר דער וואָגשאָל. דערנאָך האָט ער אויסגעלעהדיגט אַלע מיינע זינד. ווי א זאַק הערנער האָבען זיי געקלימפּערט, און דער טעלער האָט זיך געגעבען א גליטש־אַראָב אַזש ביז צום גיהנום, און פון'ם פּלוצלונג־דיגען שטויס איז דער לעהדיגער טעלער פון די מעשים טובים אַרויפגעפלויגען ביז צום סאַמע גן־עדן. איך האָב דערפיהלט א קיצעל אויף די פיס, און האָב אויסגעשריגען: „ווער טוהט עס? איהר זעהט דען נישט מיין מעמד?"

„דער מלאך גבריאל וויל וויסען וואָס דער לעהדיגער טעלער פון אייערע

מעשים טובים טוהט אזוי הויך אין גן־עדן?"

זאג איך, „ס'איז נישט געווען קיין צייט עפעס ארויפצולעהגען אויף איהם."

„וואס איז געווען אייער טוהן אויף דער ערד?"

„איך האב געענטפערט, אז כמעט פיפציג יאהר בין איך געווען שמש אין אן ארים שטעדטעל אין פוילען, וואו די איינציגע שעהנע זאך איז געווען די לאמפ אין שוהל נאך דעם ווי איך פלעג זי אבפוצען, און מיט קיין אנדער זאך האט מען דארט נישט געקענט שטאלצירען. און האב מיך צולאכט טראכטענדיג פון יענעם פרעכטיגען גלאנץ, און וואס דער עולם וואלט געזאגט ווען זיי וואלטען געקאנט זעהען ווי מיינע בארפיסע פיס שטעקען דורך דער פאדלאגע אין גן־עדן אריין.

„איך האב געהערט עפענען און צומאכען ספרים, און עמיצער האט בענוצט מיינע פינגער ווי א מיטעל צום חשבונ'ען. דערנאך האט א קול אויסגערופען הויך, „די חשבונות זיינען אין הסכם מיט דעם, וואס רב שמואל זאגט, און הגם דער טעלער פון מעשים טובים איז לעער, שיינט ער אבער מיט דער מצוה פון חדוה." און מען האט מיך פלוצלונג געגעבען א דרעה אויס, און כ'בין געשטאנען פנים אל פנים מיט דעם מלאך גבריאל אין גן־עדן.

„איהר וועט זיין שמש דא אין גן-עדן," האט ער געזאגט. „דער לעצטער שמש אונזערער איז געווען מעהר ערליכער יוד פון אייך, נאר ס'האט איהם געפעהלט חדוה — א מידה, וואס פעהלט א סך איינוואוינער דא — און עס איז געווארען אלץ לאנגוויילינער אויף דעם מקום, אזוי, אז ער האט פרייוויליג זיך אבגעזאגט פון פאסטען.

דאס איז מן הסתם אן ארט פאר ארימע פרומע אידען און פאר לומדים?

„דאס דאזיגע ארט," האט געענטפערט דער מלאך גבריאל, „איז אויסשליסלעך פאר מיליאנערען."

„אזא זאך איז אומדערהערט," האב איך געשריגען פון גרויס כעס, „אז ארימעלייט זאלען זיין אויסגעשלאסען פון גן־עדן. איך וויל נישט אזא גן־עדן, און כ'נעם נישט אן די שמשות."

„האב נישט קיין עגמת־נפש," האט דער מלאך גבריאל מיך געטרייסט, און מיר געשענקט די דאזיגע ליולקע מיט'ן טאבאק-שקעטעלע. „עס זיינען די עשירים אין הארץ און נשמה, וואס קומען דא אריין, און צי דער מענטש דערווערבט זיך זיין רייך הארץ דורך ארימקייט אדער עשירות געהט אונז

נישט אָן. נאָךביים לעבען אויף דער ערד איז שוין דער אַ נוצליכער תושב פון גן־עדן, ווער עס ענטוויקעלט זיין נשמה, דורך פערמעגען אָדער דורך אָפּזאָגען זיך פון פערמעגען. דער עיקר איז דאָס וואָס איינער בעזיצט, מוז איהם בעזיצען, כדי ער זאָל פיהלען, אַז ער געהערט צו דער גאַנצער וועלט, און ער איז ביי זיך אין דער היים, פּונקט ווי אַ קינד ביי זיין טאַטען׳ס טיש.״

מיין זיידע האָט געשמעקט פון זיין גאָלדען שקעטעלע, און געקוקט אויף מיר, ווי ער וואָלט געוואָלט עפּעס פרעגען.

„זיידע, איך בין נישט ביכולת צו קויפען אָט דאָס שטיקעל לאַנד מיט געלד, נאָר בעזיצען בעזיץ איך עס מיט די פיבערען פון מיין נשמה, און אזוי־אָ וועל איך טוהן מיין עבודה.״

און דער בארג האָט אויף מיר געקוקט צושאָקלענדיג מיט׳ן קאָפּ. „יאָ, איך בין דיינס, פּונקט ווי דו ביסט מיין, אייביג אייביג.״

הדר־דורות לטד.

ווען איך האָב אַוועקגעשיקט דאָס געלט, און בין געבליבען מיטן חלום, האָבען מיר גערונגען אַ געוועהנליכע דירה אויפן ערשטען שטאָק פון אַ נייע הויז, וואָס האָט געהערט צו אַ זעהר פיינעם אַראַבער. ער איז געווען אַ גוטער, אויפגעקומענער מענטש, וואָס האָט זיך אויפגעבויט דאָס הויז, און עס ליעב געהאַט. מיר האָבען געוואוסט וויאַזוי דאָס צו שעצען ווי געהעריג.

אינ׳ם גרויסען פראָנט-צימער האָבען מיר געמאַכט די גאַלעריע.

מיר האָבען בעשטעלט אַ יהילצערן מיניאַטור געוועלבעלע. אידישע אַרבייטער פון זעכצען פאַרשיעדענע לענדער האָבען זיך פערנומען דערמיט. אַוועקגעשטעלט האָבען מיר עס אויף דער מזרח־וואַנט אין דער גאַלעריע, מיר האָבען אויסגעפאַקט די אוצרות פאַר דערוואַקסענע, פאַר קינדער, און אפילו פאַר צוויבער-מענטשעלעך; זיי אויסגעשטעלט; און אַרויסגעהאָנגען אַ שילד אויף לשון־קודש, ענגליש, און אַראַביש, „הדר־דורות, לטד.,״ וואָס די באַטייטונג דערפון איז „דער גלאַנץ פון דורות, מיט באַגרענעצטער פעראַנט-וואָרטליכקייט.״ מיר האָבען בעשטעלט פאַר דער פירמע ספּעציעל בריעף־פּאַפּיר, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען, אַז אונזער ספּעציאַליטעט איז צירונג פאַר קינדער און צוויבער־מענטשעלעך; און פאַר אונזער קאָסט־פּרייז שיפער גענומען די ווערטער „מארבע כנפות״, דאָס הייסט „פון די פיער עקען״.

חדשים לאַנג האָט אהביאל געהאָרעוועט צו ברענגען די גאַלעריע אין אויס־געצייכענטער אָרדנונג. גאַנצע שעה׳ן פלעגט זי אַרבייטען איינצושפּאָרען אַ שילינג; און געמאַכט אַ גענויען קאַטאַלאָג — הלואי, אויף אַלע מוזעאומס אַזעלכעס געזאָגט! עס איז געווען פיינליך צוצוזעהן ווי אָפט איז איהר שעפּ־פערישקייט פערוועגדט געוואָרען אויף קליינינקייטען, ס׳איז אָבער קיין ברירה נישט געווען. בייטאָג פלעג איך שרייבען מעמואַרען און וויזיעס: אין אָבענד געשפּילט שאָך אין אַ קאַנדיטאָריי, און אַז עס האָט זיך מיר איינגעגעבען אויסצולייזען אַ פויער פון געפאַר בין איך געווען גליקליך.

איינינגע חדשים שפּעטער איז דאָס לעבען געוואָרען גאַנץ מאַנאָטאָן און

איך האָב געגומען בענקען צוריק קיין לאָנדאָן צו מיין גוט באַזוכט געשעפט, נאָך דעם כסדרדיגען אָפּפּלום און צופּלום פון יואוועלען און פריינד, קונים און סוחרים.

אין די ערשטע חדשים איז ירושלים געווען פאַר מיר די ליכטיגסטע שטאָט אינם אַטלאַס פון דער וועלט. אַז איך בין פאַרבייגעגאַנגען אַ גאַס צום ערשטען מאָהל, האָב איך געהאַט דאָס געפיהל, ווי איך וואָלט אויפגעשניטען בלעטער, וואָס קיינער האָט נאָך נישט געלייענט. אַ ווייַלע שפּעטער האָבען זיי אָנגע־הויבען אויסזעהען ווי אַלטע טשעקען, צעוואָרפען אומעטום. פון טאָג צו טאָג האָט אַלץ מעהר בלייז זיך גענומען צוקלעבען צו מיין פּען, דער טינט פלעגט ווערען אַנעמיש, און דאָס וואָרט — האַמעטנע און אָן קאָליר.

טייַלמאָל האָב איך אויפגעהויבען מיינע מידע אויגען, און נאָכגעקוקט אַ רייה קעמלען פאַרבייגעהן. קיין בעשעפעניש אין בריאת־העולם, הויך־אַבצאַסיגע פרויען אָן ספק אריינגערעכענט, טרעט נישט אַזוי זאָרגפעלטיג ווי דאָס קעמעל. יעדער טראָט איז אַ נחמה'דיג צערטלען מאַמע־ערד; נישט סתם אַ צופעליג צערטלען פון צייט צו צייט, נאָר אַזעלכעס, וואָס ציהט אַרוים דעם וועהטאָג ווי אַ פּיאַווקע. ביי יעדען טראָט געהט אַדורך עפּעס אַ ציטער דורך זייערע אברים, מחמת זיי ווייסען, אַז זיי טרעטען אויף אַ הייליגען גוף. בשעת'ן געהן ציהען זיי אריין אין זיך פריש חיות פון די ווייטע מדבריות, און מיט זייער קיהלען אָטעם בלאָזען זיי עס אוים אויף די וואונדען פון ירושלים. זיי ציהען אַזוי דורך די שמאָלע געסלעך פונקט ווי דורך דעם רחבות'דיגען וועג אין דער מדבר, שפּילענדיג אַ שטילען ניגון מיט זייערע שאָקלענדיגע גלעקעלעך גובר צו זיין אַ בייז אויג, און צו פערטויבען אַבייז אויער. זיי טראָגען די לאַסטען פון דורות אויף זייערע רוקענס, מחמת זיי זיינען אַזוי אַלט ווי די דורות, און פאַרקערפּערן די צייט, וואָס איז שוין געווען. זיי געהען פאַרביי די נייע גאַסען, און די נישט־אַכטזאַמע, אָן קעפּיגע אויטאָמאָבילען, און לאָזען אַראָפּהענגען זייערע ליפּען מיט גרינג־שעצונג, הויבען אויף זייערע פאַרצייטיגע קעפּ איבער די העכסטע, מאָדערנע געביידעס, בויגען זייער געניק אויף רעכטס און לינקס, און זוכען די וואונדער־וועלט פון קדמונים. „וואו איז זי? וואו האָט זי זיך אַהינגעטוהן?"

דעמלט פלעג איך דערהערען דעם רוף: „געה, נורט אָן דיינע לענדען מיט אייזען. טוה דיר אָן דעם שטאָלענעם פּאַנצער פון דיין בשורה. שריי אויף די גאַסען ווי אַן אייזעל. וואָרן! רוף! שעלט!" איך פלעג געהאָרכען,

און געהן מיט אַן אויפגעהויבענער ברוסט און העמערנדיגע טריט אַרויפצי־שטייגען צום שפּיץ באַרג. איידער אָבער איך פלעג אַהינקומען פלעגט מיר די ברוסט איינפאַלן, און מיין פּלייצע זיך איינהויקערן, מיינע פיס האָבען זיך געטרייסעלט, און כ׳פלעג מתפלל זיין, „האָב רחמנות! אָה, גאָט! צו וואָס האָסטו מיך געשיקט צו גרינדען הייליגע שיינקייט?" און איידער כ׳האָב גע־קענט דערהערען דעם ענטפער, האָב איך מיך אַראָפּגעגליטשט, און בין גע־פאַלען טיפער, טיפער.

נאָך מעהר האָט אהביאל געליטען פון מיינע מפלות. זי האָט געלעגט די האָפנונג פון מיין פאָלק אויף מיר, און יעדעס מאָהל ווען איך בין געפאַלען, האָט זי געזעהען מיין פאָלק פאַלען. אַ סך מאָהל, אויפעפענענדיג די טיהר פון איהר אַרבייטס־צימער האָב איך געזעהן, אַז איהר גאָלד און איהרע הענד זענען בעדעקט מיט טרעהרען.

דער לעצטער אויספערקויף

די צוויי דירעקטאָרען, אהביאל און דער מחבר, האָבען אין פריהלינג 1936 ליקווידירט די גאַלעריע.

מיר האָבען איינגעפּאַקט די סקולפּטורען, מיטן אויסנאַם פון די צוויי בראָנז פּאָרטרעטען פון די דירעקטאָרען, וועלכע מיר האָבען איבערגעלאָזט פּארן בצלאל־מוזעאום אין ירושלים, זיי זאָלען דאָרט בלייבען אויף אייביג ווי אַן אזהרה פאַר אַנדערע, וואָס וועלען אפשר האָבען בדעה נאָכצופאָלגען אין די פוס־טריט פון אונזער חלום...

מיר האָבען איינגעפּאַקט דאָס מיניאַטור געוועלבעלע, און אויך דעם דעפּאַרטמענט פאַר די צויבער־מענטשעלעך.

מיר האָבען איינגעפּאַקט די אַלטע, זילבערנע קמיעות, וואָס מיר האָבען געזאַמעלט אין ירושלים. אָט די דאָזיגע קמיעות, די שעהנסטע און הייליגסטע בעצירונגען פון לאַנד, וואָס דער אַלטער דור האָט פון זיך אַראָפּגעוואָרפען, דער מיטעלער דור האָט נישט אויפגעהויבען, און דער נייער דור איז מבזה, האָבען מיר צונויפגעקליבען און ווידער אויפגעלעבט מיט אונזער ליבשאַפט.

מיר האָבען אויך איינגעפּאַקט דאָס ביסעל אַנטיקען וואָס האָט זיך אונז איינגעגעבען צוזאַמען צו נעמען אויף אונזערע נסיעות אופין נאָהנטען מזרח. די באַבילאָנישע בלאַשטיין־פּאַטשערקעס און וואַלצען, וואָס האָבען זיך גע־גילגולט דורך פינף יאָהר־טויזענדער ביז זיי זיינען געקומען אין אונזער רשות אריין אין באַגדאַד; די פּאַרצייטיגע עגיפּטישע טרעהרען־פלעשעלעך, וועלכע מיר האָבען איינגעקויפט אין אַלעקסאַנדריען, איצט גאַנץ לעער, אָבער זייער רעגענבויגען־פאַרביגע שיינקייט און לעבהאַפטיגע צאַרטקייט האָבען אַלץ נאָך פעראייביגט די טרעהר; די אויער־רינגען פון פּאַלמירא, און די גאָלדענע פינגערלעך, וואָס האָבען נאָך אַלץ בעהערשט די באַזאַרען פון דמשק, הגם די פינגער פון די רוימער זיינען שוין לאַנג לאַנג דאָרט נישט גע־ווען די מושלים.

יעדע זאַך איז געווען פּערפּאַקט אין הילצערנע קאַסטענס אַ חוץ אַ געלע־

כערט זילבערן בשמים־ביקסעל פון זעהר פיינער דייטש־אידישער פאַכמעניש־קייט אין זיבעצנטען יאָהר־הונדערט. געקויפט האָב איך עס אין תל־אביב ביי א נאָבעלער פרוי, וואָס האָט געשטאַמט פון א לאַנגער רייה הייליגע אידען. זי האָט עס אַבגעראַטעוועט פון א צארישען פּאָגראָם, און ס׳איז געווען צו־בויגען און צובראָכען, און דאָס טיהרעלע האָט געפעהלט. נאָר נאָך דעם ווי אהביאל האָט עס רעפּאַרירט, און געמאַכט דערצו א ניי טיהרעלע, האָט עס מעהר נישט געברויכט קיין בשמים, כדי צו געבן א געשמאַקען ריח, פונקט ווי אַלט־ענגלישע, זילבערנע טהיי־לעפעלעך זיינען, מחמת זייער שיינקייט, זיס אין מויל לגמרי אָן צוקער. אין ירושלים אין מיטען טאָג זעהט גאָלד אויס בלייך און זילבער — טונקעל, אָבער דאָס בשמים־ביקסעל איז געשטאַנען אויף א האַלצענעם קאַסטען אין דער ליקווידירטער גאַלעריע ווי א לייכט־טהורעם — א דענקמאָהל פאַר דער ערליכקייט פון אידישער סבלנות.

אין אַט דעם לעצטען מאָמענט, ווען א חוץ דעם בשמים־ביקסעל איז מעהר נישט געבליבען צו פערקויפען, איז אָנגעקומען א קונה. איך האָב איהם געזאָגט מיין פרייז, פּלוס דעם תנאי, אז דער קויפער מוז רעפּאַרמירען א תפילה אין סידור. אַנשטאָט צו זאָגען, שבת־צו־נאַכטס ביים שמעקען די בשמים „להבדיל בין קודש לחול,“ זאָל ער זאָגען, „להבדיל בין קדושת השבת לקדושת העבודה“.

הגם ער איז געווען צופרידען מיט׳ן בשמים-ביקסעל, איז איהם אָבער דער הויכער פרייז און די דערהויבענע תפילה נישט געפעלען. „איך בין נישט קיין שטרענג אָפּגעהיטענער איד“, האָט ער געזאָגט, „נאָר איך האָב פיינד צו קעמפען געגען אַלטע מנהגים. איר געווינט סאַי ווי גאָרנישט געגען זיי.“ איך האָב געענטפערט, אַז ווען עס האַנדעלט זיך אין א גרויסען אידעאַל, מוזען מנהגים רעפּאַרמירט ווערן. „זענט איהר גרייט צו רעפּאַרמירען אייער פרייז?“ האָט ער געפרעגט. „יאָ,“ האָב איך געענטפערט. „איך וועל אייך געבען א הנחה אויף 33%, אויב איהר וועט מיר מבטיח זיין צו זאָגען די תפילה אויף מיין אופן.“

ער האָט געזאָגט די תפילה און צוגעזאָגט צו באַצאָהלען...

דערנאָך בין איך אַרויפגעגאַנגען אויפ׳ן פלאַכען דאַך פון הויז, פון וועל־כען מען האָט געקענט זעהן גאַנץ ירושלים, דאָס נייע און דאָס אַלטע, און די בערג־אַרום. איך האָב מיך געזעגענט דערמיט, און געזעגט צום הר־הצופים. „איך פאָהר אַוועק קיין לאָנדאָן. דער חלום פון דעם הייליגען געוועלב

איז געבליבען אומפערווירקליכט. אָבער די זעהונג, וואָס איך האָב געזעהן אויף דיר, וועט יאָ מקוים ווערן. פון איצט אָן וועט מעהר קיינער נישט שפּאַטען פון דיר, און זאָגען, „זעה, זי איז תמיד מעוברת און געווינט קיינמאָהל נישט," ווארום דו וועסט יאָ געווינען. פונקט ווי דער באַרג סני האָט געבוירען דאָס קינד שבת, אַזוי וועסטו האָבען זעקס קינדער. אַלע וועלען זיין שעהן, פריי און שעפּפעריש. די נעמען פון די קינדער דיינע וועלען זיין די זעקס טעג פון דער וואָך."

און דער הר־הצופים האָט נאָכגעזאָגט זעקס מאָהל אמן.

זעהען און הערען

דעם גאַנצען פריהמאָרגען בין איך געשטאַנען אויפ'ן הר־הצופים מיט אַ וועה־טאָג אין יעדען אבר, מחמת אין אייראָפּאַ איז מיין פאָלק געלעגען צו־טרעטען אונטער ברוטאַלע פיס. די צייטווייליגע צענטראַל־אייראָפּעאישע מושלים האָבען פערביטערט די יודישע עגזיסטענץ, פעראומווירדיגט זי מיט זייער גיפט און גאַל אין לשער. אפילו די זון אויף ירושלים'ס הימעל האָט געהאַט די מראה פון אַ געלער לאַטע.

איך האָב געפרעגט די אַלטע קשיות. „אָה, גאָט, פאַרוואָס איז דער מענטש מסוגל צו האָבען רחמנות און פעהיג אויף אַט אַזאַ אכזריות; און פאַרוואָס האָסטו אונז בע'חנ'ט מיט אַזויפיל הערליכקייט און געפּלאָגט מיט אַזויפיל אומ'כבוד ? ווי קומט עס, אַז מיר, וואָס האָבען געגעבען אונזער'ס אַ קינד צו די אומות העולם פאַר אַן ערלעהזער, זיינען אַליין נישט אויסגע־לייזט ? וואָס מוזען מיר טוהן כדי צו ווערען ערלעהזט ?

„אָה, גאָט, ענטפער מיר ! איך ווייס, אַז דו ביסט נישט God און זיכער נישט Gott אויף גאָטישער שריפט מיט טאָפּעלטע tt וואָס זענען שאַרף ווי שפּיזען, און יעדע איז איינגעטונקען אין גיפט. איך רוף דיך אפשר מיט טויזענדער נעמען, אָבער אין מיין לעבעדיג האַרץ איז דער הייליגער נאָמען דיינער אויסגעקריצט ווי יהוה. דו ביסט דער מקור פון לעבען, און איך געהער צו דיר, און אָהן דיין אָהטעם קען איך נישט לעבען. דיין אייביגער נאָמען אויפ'ן הייליגען לשון און האַרץ איז „היה, הוה, ויהיה ;" נאָר מוזען דען אונזערע יסורים זיין אַזוי אייביג ווי דיין נאָמען ?"

און ווי איך האָב אַרויפגעבליקט פון דער ערד צום הימעל אויף אַן ענט־פער, האָב איך געזעהען אַ בוים אַרויסוואַקסען פון דער ערד, פון דעם סאַמע פונקט, וואו מיר האָבען געגאַהרט אויפצובויען אונזער הייליג געוועלב. דער בוים איז געוואָן זעהר גרויס, כמעט דערגרייכט צום הימעל, און געהאַט זיעבען געוואַלדיגע צווייגען ווי די מנורה, און די צווייגען האָבען בעדעקט דעם האָרי־זאָנט פון עק ביז עק.

איין צווייג האָט געבליט ווי אַ כלה אין אַ ווייס חופה־קליידֿ, געבלישטשעט מיט שעהנקייט און גלאַנץ; נאָר די אַנדערע זעקס צווייגען זיינען געווען ווי גרויע געלב־געפּלעקלטע שלאַנגען, וואָס האָבען זיך געדרעהט, געקנוילט, און געשפּיגען טומאה אויף אַלע עקען פון דער ערד.

איך בין אַנידערגעפאַלען כורעים, זיך איינגעבויגען ווי אַ פראַגע-צייכען, מיינע אויערען ווי פראַגע־צייכענס, מיט די אָהן־צעהליגע פראַגע-צייכענס פון דעם גלות־מיקראָב אין מיין בלוט. „רבונו של עולם, וואָס זאָל אָט־אַ דאָס בעטייטען? עס איז דאָך מסתמא אַן ענטפער אויף מיינע קשיות, איך קען איהם אָבער נישט פערשטעהן."

דער ענטפער איז געקומען דורכ'ן מויל פון גאַנצען קאָסמאָס, דאָס קול פון יהוה. „אָט דער דאָזיגער בוים, וועלכען דו זעהסט, איז די וואָך פון זיעבען טעג. די מנוחה־דיגע כלה־צווייג, דאָס איז דער טאָג פון שבת. די זעקס קאָנוואולסיווע צווייגען, דאָס זיינען די זעקס טעג פון ארבייט. עס איז געווען אַ צייט, ווען די כלה־צווייג איז געווען פונקט אַזוי קאָנוואולסיוו, און געהאַט די זעלביגע מראה, וואָס די אַנדערע זעקס צווייגען, ביז דאָס פאָלק ישראל איז אַרויסגעקומען פון גלות־מצרים, און האָט אויסגעזויגען דעם סם־המות פון דער דאָזיגער שבת-צווייג, און אַריינגעגאָסען זיין בלוט אין איהר. דו זעהסט די קרוין פון שבת? זי לויכט מיט'ן ליכט פון גאָט'ס הייליגער שכינה.

„און ישראל וועט נאָך מוזען אויסהיילען די זעקס צווייגען פון די פער־שווערבטע טעג פון אַרבייט, וועט נאָך מוזען אויסלייזען די ימי־העבודה פון דעם חומר, וואָס דריקט זיי און דערשטיקט זיי. דעמאָלט וועלען אַלע טעג, וועלכע שוועבען צווישען הימעל און ערד, זיין אַזוי פרוכטבאַר ווי מיין ערד און ווי מיינע הימלען.

„צו הייליגען אַלע טעג, אָט דאָס איז ישראל'ס שליחות. ער האָט גע־ליטען פאַר'ן שבת; און פאַר די טעג פון דער וואָך וועט ער ליידען נאָך מעהר, אָבער נישט אומזיסט. געה, זאָג אָן, איך בין מיט דיר. אָט דאָס איז דיין בשורה."

אַלע מיינע פראַגען זיינען געווען פערענטפערט. נישט קיין מסופּק־דיגער ליידענדער, נאָר אַן איבערצייגטער שליח, איז אַראָבגעשטיגען פון'ם באַרג. ביים באָדען פון ירושלים האָב איך אַ נדר געטון, אַז איך וועל מאַכען אַלע טעג געהערען צו גאָט.

דער יסוד פון שבת

הגם געשעפטלעך שטארק פערנומען אין לאנדאן, האב איך אבער דאך כסדר נאכגעטראכט איבער דעם חזיון פון בוים אויפן הר־הצופים, און איבערגע־לעהגט דאס אין מיין מחשבה. אז מיר אידען האבען אויפגעבויט דעם שבת־בנין, זיינען מיר אהן ספק די הויפט ארכיטעקטען פון דער געשיכטע. וואס פאר אן אנדערער נאציאנאלער דענקמאהל קען זיך פערגלייכען מיט דעם דאזיגען געבוי? עס פערנעמט א זיבענטען חלק פון לעבען איבער דער גאנצער וועלט. איז אזוי געגרונדפעסטיגט אויף דער ערד, אזוי הימליש בע־לויכטען, אזוי קאסמיש געבויט, אז אלע מענטשען־קינדער, און די מלאכים פון גאט, און די חיות פון פעלד, קענען אריינגעהן דרינען יעדערער און זיין טאג, צו דיענען גאט יעדערער אויף זיין אופן. און פון זיין פונדאמענטשטיין האבען מיר אויסגעהאקט א טראהן פאר דעם רבונו של עולם, אויף איהם צו זיצען בשעת ער טוהט משפט'ן זיינע קינדער מיט שבת־ליבשאפט. עס איז זיין כסא־הכבוד.

מיר, די בארעמהערציגע קינדער פון דעם אב־הרחמן, האבען געליעבט אונזער פאטער אין הימעל מיט דער ליעבשאפט פון א קינד פונ'ם סאמע אנהויב אן. ווען ישראל האט געזעהען ווי גאט ארבייט אזוי שווער, און אזוי טאלאנטפול, גאנצע זעקס טעג אהן זיך אבצורוהען אפילו א רגע, האט ער זיך געבעטען ביי גאט צו בין־השמשות דעם זעקסטען טאג, אז ער זאל אויפ־הערען צו ארבייטען. „זעה, רבונו של עולם, דריי שטערען זיינען שוין ארויס: עס איז צייט דו זאלסט דיך אברוהען."

האט גאט טרויעריג געענטפערט, „איך האב לײדער אלץ נאך נישט געטוהן גענוג."

„נישט גענוג! ווען דו וואלסט נישט געטוהן מעהר ווי נאר אנגעצונדען יענע דריי שטערען, וואלסטו שוין דיר פערדינט מנוחה. עס טוהט מיר לייד, נאר איך קען דיך נישט לאזען ווייטער ארבייטען."

„אבער דער מענטש, דער מענטש!" האט גאט געביילט זיינע פויסטען,

געגאַנגען אַרויף און אַראָב, און געשריגען. „דעם גאַנצען טאָג האַלט איך איהם אין איין באַקען, און ער איז נאָך אַלץ רוי. וואָס זאָל איך טוהן מיט איהם? מיט די חיות, עופות, און מיט'ן גאַנצען פירמאַמענט האָב איך נישט געהאַט אַזויפיל צרות און ענטוישונג, ווי מיט איהם. ישראל, קענסט דאָך אַליין זעהען, אַז ער איז נאָך אַ שטיק רויער גולם. און דו ווילסט, איך זאָל מאַכען שבת און רוהען. ער האָט דאָך געזאָלט זיין דער שטאָלץ פון מיין אַרבייט און די קרוין פון מיין יצירה, דער מושל איבער דעם מלכות פון חיות, עופות און פיש! וואָס וועלען די בעשעפענישען זאָגען, ווען זיי וועלען איהם זעהען? נאָך אַ גליק, וואָס כ'האָב זיי נישט באַשאַנקען מיט דער ברכה פון געלעכטער.

„און דו, ישראל, צווינגסט מיך צו לאָזען ליגען מיין עיקר אַרבייט נישט פערענדיגט, און זיך אָברוהען. וואו איז דיין שכל, דיין פאַרשטאַנד האַ? פונקט ווי די ברואים קענען נישט לאַכען, אַזוי קענסטו נישט פערשטעהען."

דער בורא האָט אַרויסגענומען דעם מענטשען פון אויוועז און געוויזען ישראל'ן.

„נאַ, זעה! איז ער רוי אָדער איז ער רייף? זעה, ווי צומישט ער איז. ער ווייסט נאָך אפילו נישט וואו צו ווענדען זיינע אויגען, און בעמערקט נישט די בעשיינפערליכקייט פון די זאַכען, אויף וועלכע ער קוקט. און די גאַנצע וואָך ווי איך האָב דאָס אויסגעקוקט אויף איהם! געמיינט, אַז ער וועט שעצען און זיך פרעהען מיט מיין בעשאַפונג. זאָל איך איצט ווידער בלינד און טויב מאַכען די נאַטור, ווייל דער מענטש קוקט און זעהט נישט, הערט, נאָר פערנעמט נישט? זאָל אויסשטראַהלונג צוריק איינשרימפען, און פראַכט צוגעהן, ווייל ער איז מיר נישט געראָטען? הער דיך צו צו איהם! דער גאַנצער תוהו־ובוהו פון פאַר די ששת־ימי־בראשית זידט אַלץ נאָך אין זיין בלוט. ער האָט נאָך נישט קיין מנוחה אין זיין פערשטאַנד; קען נישט אַרויסאָטעהמען מיין נאָמען ריין. ריהר אָן די פינגער שפּיצען זיינע! אייז! פשוט נישט מעגליך אַריינצוברענגען דעם פונק פון רוח־הקודש אין זיי. און דו ווילסט איך זאָל מיך אָנטוהן אין דעם מלבוש פון מנוחה, מיט דער קרוין פון צופריעדענהייט אויף מיין קאָפּ. וויאַזוי קען איך מאַכען שבת ווען מיין בעשאַפונג איז נאָך אין אַזאַ מעמד? ישראל, ישראל, אין נאָמען פון הימעל און ערד לאָז מיך אָנגעהן מיט מיין אַרבייט."

האָט ישראל געשריגען, „צו וואָס טויגען הימעל און ערד אָהן דעם שבת?"

האָט כביכול געשריגען, „צו וואָס טויג דער שבת אָהן דעם מענטשען?“

ישראל האָט געזעהען, אַז דער בורא איז שוין זעהר מיעד. האָט ער איהם געבעטען, „מאַך שבת, טאַטעשי. איך זעה, בין מסכים. דער מענטש איז טאַקע נאָך זעהר רוי, אָבער דער שבת וועט איהם שוין רייף מאַכען.“

דעמאָלט האָט דער האַר גאָט זיך געלאָזט איבעררייידען, אַז ס'איז גע־קומען די צייט אויפצוהערען, און האָט אויסגערופען, „זאָל זיין שבת,“ און געהייסען דער שכינה אָנצינדען די ליכט.

„עס איז שוין שפּעט,“ האָט זי געזאָגט, „וואו וועל איך נעמען ליכט?“

האָט גאָט געענטפערט, „ישראל וועט זיין ביי אונז שבת, און איבער זיינע אויגען זאָלסטו מאַכען די ברכה.“

מוצאי־שבת, ווען ישראל האָט אַראָבגענידערט פון הימעל, האָט ער דער־צעהלט אַלע ברואים אויף דער ערד, אַז מהיום ועד הלאה וועט הקדוש ברוך הוא רוהען דעם זיעבענטען טאָג פון יעדער וואָך. און דער מענטש וועט רוהען ווי גאָט.

„און מיר נישט ווי דער מענטש?“ האָבען די חיות געפרעגט, און אַראָב־געלאָזען די אויגען, איגנאָרירט פון גאָט און מענטש.

האָט ישראל אין זיין גרויס רחמנות זיי געזאָגט, „יאָ, איהר וועט אויך רוהען ווי דער מענטש, ווי דער מענטש וואָס רוהט ווי גאָט.“

חיות, ווייל זיי האָבען מעהר אינסטינקט, זיינען זיי מעהר דאַנקבאַר ווי דער מענטש. און זיי האָבען טאַקע נישט געוואוסט וויאַזוי גענוג אויס צו־דריקען זייער דאַנקבאַרקייט. צום ערשט האָט דער אָקס און דאָס אייזעל צוגעזאָגט צו אַרבייטען טאָפּעלט אַזוי שווער אין די זעקס אַרבייטס־טעג צו פּערגיטיגען פאַר דעם איינעם טאָג רוה. זיי זיינען אָבער נישט געבליבען צופרידען, וואָרום אינסטינקטיוו האָבען זיי געפהילט, אַז דער טאָג פון שבת מוז פיהרען צו דער גרונדפעסטיגונג פון אַ משיחישער עפּאָכע, ווען אַרבייט וועט זיין אַ פרייד פון שעפּפערישקייט.

האָט דאָס אייזעל צוגעזאָגט צו טראָגען דעם משיח, און צו וואַרטען געדולדיג אויף זיין קומען. „קיינער האָט נישט אַזאַ געדולד, ווי איך,“ האָט עס געזאָגט.

האָט דער אָקס געזאָגט, „מיין גרויסע אַמביציע איז גע'שחט'ן צו ווערען צו דער סעודה, וואָס דער בעל־הבית וועט זיכער מאַכען פאַר משיח'ן.“

אַז דער לויתן האָט דאָס דערהערט, האָט ער זיך גלייך געמאָלדען פריי־

ווייליג צו זיין דער פיש וואָס מען וועט עסען אויף דער סעודה. זאָלען די צדיקים אויך אַמאָהל אַ הנאה האָבען פון עפּעס רעכטס, וואָרום קיינער ווייסט נישט אַזוי גוט ווי איך וואָס עס הייסט האָבען זיעבען פרייע נישט־געשטערטע טעג אויף זיעבען פרייע נישט־געשטערטע ימים.“

האָט ישראל געזאָגט צו אַלע דריי, „איהר קענט זיין זיכער, אַז אייער רצון וועט געטוהן ווערן.“

און יעדער איינער איז זיך געגאַנגען זיין וועג, אַלע אָבער מיט איין כוונה ענטגעגען צו געהן משיח'ן.

דער בוים פון ישראל

ווען איך בין דאָס ערשטע מאָהל איינער אַליין אַרויפגעגאַנגען קיין ירושלים, איז עס געווען ערב-פסח, 1934 און צוויי פריינד האָבען צו בין־השמשות מיך געפיהרט אין דער אַלטער שטאָדט אַריין. זיי האָבען מיר געוויזען די פיער פערצייטיגע שוהלען, וועלכע זיצען צונויפגעפרעסט איינע נעבען דער אַנדערער, ווי פיער פרומע זקנות, וואָס הערען זיך צו צו אַ מגיד׳ס דרשה אַ שבת נאָכמיטאָג; און זייערע הערצער האָבען גערלאָפט צום טאַקט פון שיר־השירים, לויט דעם מנהג פאַר׳ן דאָזיגען טאָג.

דערנעבען איז געשטאַנען אַ תימנ׳ער אידישע פרוי פאַר איהר טיהר. זי איז געווען אָנגעטוהן אין אַ פיעל־פאַרביג געהאָפטען קלייד, נאָר איהר אידישער חן איז געווען איהר שעהנסטע הלבשה און איהרע מעשים־טובים האָבען זי בעצירט. נעבען איהר איז געשטאַנען אַ קרוג מיט וואַסער, און אַ קלאָהר האַנדטוך געהאַנגען ביי דער מזוזה. זי האָט געוואַשען דאָס פּנים און הענד פון יעדען פערבייגעהענדיגען קינד, וואָס האָט זיך געפיהלט הייס און ברודיג, גענומען זיי אויף איהרע אָרעמס אָבצואווישען זיך מיט׳ן האַנד־טוך.

מיר האָבען זי געגריסט מיט „שלום!“ זי האָט געענטפערט „שלום וברכה, און אַ פרעהליכען יום־טוב.“ אַזוי ווי איהר טיהר איז געשטאַנען אָפען, און זי האָט פערשטאַנען אונזער פעראינטערעסירונג, האָט זי אונז אַריינגעבעטען אינוועהניג.

„אָט-אָ דאָ,“ האָט זי געזאָגט, „האָב איך זעקס חדשים געלעבט גליקליך מיט מיין מאַן. דערנאָך איז ער פערלוירען געגאַנגען אין דער ענגלישער אַרמעע בשעת דער וועלט־מלחמה. דאָ וועל איך שוין וואַרטען אויף איהם ביז מען וועט מיך רופען פון הימעל. אָדער אפשר וועט ער זיך נאָך אומ־קעהרען.“

דאָס קליינע צימערעל האָט געהאַלטען זיעבען פוס די לענג, פיער די ברייט. דרינען איז געשטאַנען אַ קליין, שמאָל בעטל, און דרויף אַ טישעלע

מיט צוגעגרייטע פסח־מאכלים, און די מאכלים פערדעקט מיט א טוך, אין וועלכען ס׳זיינען געווען אריינגענעהט שטיקלעך זיידענס, לייווענד, און סאמעט, און איייניגע שטיקלעך האבען געגלאנצט. אויף די וואנד זיינען גע־האנגען תפילות, געשריבען אויף פארמעט און אויף אויסגעשניטען פאפיער; און אויך א זילבערנע קמיע, אויף וועלכער ס׳זיינען געווען איינגעגראווירט די נעמען פון זיעבעציג מלאכים. אויף דער וויסער מזרח-וואנד, ענטגעגען איבער דער טיהר, איז געווען געמאלען א בלויער הירש, פול מיט בעוועגונג.

אונטער דעם הירש איז געזעסען א יונג מיידעל, האלטענדיג די הענד אויף דער שוים און שאקלענדיג זיך מיט עקסטאז צום ווידער־קול פון שיר השירים, וואס איז אריינגעדרונגען פון די פיער שוהלען; און התלהבות׳דיג זיך אנגעשלאסען אינ׳ם געזאנג ביז דאס גאנצע פנים איהר׳ס האט געלויכטען.

די תימנית האט אונז ערצעהלט וויאזוי זי איז זיך מפרנס בריוח פון וואשען וועש, אבער דאס יונגע מיידעל האט זיך כלל נישט בעטהייליגט אינ׳ם שמועס. זי האט כסדר געזונגען שיר השירים, און ווען זי האט אויפ־געמאכט איהרע אויגען, האב איך געזעהען, אז זי איז בלינד.

זי האט געהאט א געוועהנליכען ארץ־ישראל׳דיגען נאמען. מען האט זי גערופען „מזל“. ווען מיר האבען זיך אומגעקעהרט קיין לאנדאן אין פריהלינג 1936, האט אהביאל אויסגעמאהלען א בלויען, לויפענדיגען הירש אויף דער מזרח־וואנד פון מיין וויים צימער. כמעט יעדען טאג בין איך געזעסען אונ־טער דעם הירש, זעהענדיג חזיונות; בין אבער נישט געווען בכח צו בע-שרייבען וואס איך האב געזעהען.

בשעת איך בין אזוי אמאהל געזעסען א זומערדיגען פריהמארגען, איז געקומען א יונגע ענגלענדערין מיך נעמען אויף א שפאציר אין איהר אפענעם אויטא אוועק פון די לאנדאנער גאסען צו די ערקוויקענדיגע בערג. ווען אידען וואלטען געהאט אט די דאזיגע בערג, וואלטען זיי געוועזען א פעסטונג און א בימה פאר די נביאים. די גריכען, אין הסכם מיט זייער מיטאלאגיע, וואלטען געגלויבט, אז די זיג־זאגיגע בערג זיינען עסקולאפיוס׳ענס שלאנג, און אז דער, וואס ריהרט אן איהר קאפ איינמאהל א יאהר, ווערט גלייך גע־נעזען פון אלע יעהרליכע חולאת׳ן. מיין פריינדין, אליין אזוי שעהן ווי העלענע, האט איינגעשטימט מיט די גריכען.

מיר זיינען געווען אלטע גוטע פריינד, וואהרען פריהער געהאט געמאכט א פריינדשאפטס־בונד איבער א בערגעל יאוועלען; און די פריינדשאפט, וואס

די שטראַהלען פון איידעלע שטיינער בינדען צונויף, קען נישט איבערגעהאַקט ווערען אפילו מיט דער האַק פון צייט. זי איז תמיד איבערגעשטיגען מיינע אויסגעצייכענטסטע יוּאווע לען מיט איהר קלאַסישער שעהנקייט און מיט איהר שלימות־דיגער נשמה, וואָרום זי איז איינע פון יענע, וועמען אַלע צייט־אַלטערס געהערען מיטאמאָהל. און וואויל איז אָט אַזעלכע. יעדער טראָפּן מים־חיים, וואָס דער האָר פון לעבען גיט זיי צו טרינקען, איז אָנגעשעפּט פון זיעבען קוואַלען, און האָט זיעבען איינגעשאַפּטען: דאָס וואונדער פון געבורט, דעם חידוש פון אַ קינד, די ווילדקייט פון דער יוגענד, די קאָנסאָלידירטע קראַפט פון רייפקייט, דעם ישוב־הדעת פון די מיטעלע יאָהרען, די צייטיקייט פון זקנה, און דעם קראַמפּף פון טויט.

יעדער שעפּפערישער מענטש אָדער שעפּפונג, וועמען עס פעהלט איינע פון אָט די דאָזיגע אייגענשאַפטען, מוז אונטערגעהן, מחמת נאָר דער שלימות־דיגער מענטש קען איבערלעבען דעם מבול פון דער צייט. נח איז ניצול געוואָרען, ווייל סאַי ער סאַי זיין קונסט־ווערק, די תיבה, און די זעלטענע מינים, וואָס ער האָט געזאַמעלט, אַלע זיינען געוועזען פונקט שלימות׳דיג. און פון דעמאָלט ביז צום היינטיגען טאָג ברענגט די צייט אום אַלע מענטשען, און אַלץ וואָס מענטשען שאַפען, און אַלץ וואָס זיי זאַמלען איין, וואָס בעזיצט נישט די זיעבען מידות פון שלימות. דער זיעבען־פאַרביגער רעגענבויגען איז אַ בונד מיט אַלע צייט־אַלטערס, און בעשטעהטיגט דעם דאָזיגען אמת.

בשעת׳ן פאָהרן האָבען מיר גערעדט פון דעם איד׳ס טראַגעדיע צווישן די איינגעפונדעוועטע פעלקער, דעם איד, וואָס זיין ביטער, היימלאָז געשריי ווערט נישט אויף דער מענטשהייט׳ס געוויסען. כדי מיך אַביסעל אויפצוהייטערען, האָט זי פּלוצלונג אַ פרעג געטהון, „אפשר וואָלסטו, מיט דיין ליבשאַפט פאַר דער מיניאַטור קונסט, געוואָלט זעהען די קלענסטע, אַלטע קירכע אין ענגלאַנד?“

„מיט פערגעניגען, וואו געפינט זי זיך?“

„אין ווילינגטאָן, די לאַלינגטאָן קירכע, נישט ווייט פון מיין הויז.“

„דער מוזיקאַלישער קלאַנג פונ׳ם נאָמען איז מיר פאַרגעקומען בעקאַנט, און מיך דערמאָהנט, אַז איך בין שוין דאָרטען געוועזען מיט אייניגע יאָהר צוריק, און ווי אינ׳ם בית־עלמין, וואָס ליעגט אויף אַ בערגעל, האָב איך געזעהען אַ הויכען, אַלטען בוים, פערפוילט און הויל דורך זקנה, אָבער מיט צוויי גרויסע, גרינע צווייגען אַרויסוואַקסען פון זיין שטאַם. כ׳בין צוגעגאַנגען

אַ קוק טוהן אויף איהם, בעטראַכטעו דאָס וואונדער, און האָב אויפגעשריבען מיט אַ בליי־פּעדער אויף דעם זיך קרישלענדיגען האָלץ, „עס איז נאָך דאָ אַ האָפענונג פאַר'ן פאָלק ישראל."

„איך וואָלט זעהר געוואָלט זעהן דעם בוים," האָט זי געזאָגט, ווען איך האָב איהר ערצעהלט פון איהם.

מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אויפ'ן בית־עלמין, און געזוכט און געזוכט, אָבער נישט מעהר געקענט געפינען דעם בוים.

צום סוף האָבען מיר געפונען דעם פּיענעק בעדעקט מיט ווילדע גראָזען.

זעהענדיג דאָס איז מיר פינסטער געוואָרען אין די אויגען, און כ'האָב געפיהלט, אַז איך חלש. האָב איך אַנגעלעהנט דעם קאָפּ אויף מיין פריינדינ'ס אַקסעל, און זי איז געשטאַנען פעסט ווי אַ דעמב בשעת דער אומ'רחמנות־דיגער האַמער איז געפאַלען.

מיר זיינען אַריינגעגאַנגען אין דער קירכע, און זי האָט געשעפּטשעט אַ תפילה. איך האָב אויפגעמאַכט די ביבעל אויפ'ן שטענדער, און עס האָט זיך געעפענט ביים צעהנטען קאַפּיטעל תהלים. „וואָס שטייסטו פון דער־ווייטענס, האר, וואָס בעהאַלסטו דיך אין אַן עת־צרה?"

ווי אַ שכור האָב איך געטרונקען דאָס גאַנצע קאַפּיטעל, און מיך דער־קוויקט. ווען כ'בין אַרויס האָב איך אונטערגעצייכענט מיין נאָמען אין וויזיט־בוך, און אַנשטאָדט צו שרייבען מיין אַדרעס, האָב איך געשריבען, „עס איז דאָך נאָך דאָ אַ האָפענונג."

אין דרויסען איז מיין פריינדין גלייך ווידער צוגעגאַנגען צום פּיענעק, און מיך גערופען, „זעה." איך האָב געזעהען אונטער איהר שעהנער האַנד צווישען די גראָזען אַ קליין צווייגעלע מיט בלעטלעך אַרויסשפּראָצען פון דער אַלטער קאָרע, און די בלעטלעך האָבען זיך געטוליעט צו איהרע טרייסטענ־דיגע פינגער.

אין יענער נאַכט האָב איך מיך איינער אַליין אומגעקעהרט צום פּיענעק.

דער משיח אין קייטען

דוד המלך איז געווען צופריעדען צו שטאַרבען. ווען זיין צייט איז געקומען. עס האָט איהם געפריידט פטור צו ווערען פון זיינע שונאים, און אַז זיינע שונאים וועלען פטור ווערען פון איהם. וואָרום ער האָט חרטה געהאַט אויף זיינע קללות און בלוט־פערגיסונגען, און זיינע ביינער זיינען שוין געווען אויסגעמאַטערט פונ׳ם מלחמה־האַלטען אָהן אַן אויפהער. גאַנץ רוהיג האָט ער צוטיילט זיין טראָהן און קרוין, זיין מלחמה זאַק־רויב און כתב־יד׳ן, און פאַרמאַכט די אויגען גרייט אויף דער פטירה.

דאָך איז ער נישט געוועזען ביכולת צו שטאַרבען, ווייל דער גרעסטער אוצר זיינער, דער אונשטערבליכער חזיון, האָט געגליהט; און יעדעס מאָהל ווען דער מלאך־המות איז צוגעקומען האָט זיך זיין שווערד צושמאָלצען פונ׳ם פלאַם.

קומט דער מלאך־המות פאַר גאָט און זאָגט, „דוד איז אַלט, שוואַך און אויסגעמאַטערט, עס איז לייכט איהם אומצוברענגען, נאָר כל זמן ער האַלט זיך ביים חזיון קען איך איהם נישט אָנריהרען.“ האָט דער האַר געענטפערט, „איך האָב שוין אויסדערוועהלט אַן אויסלייזער פון זיין הויז. איך וועל אַריינגיעסען דוד׳ס נשמה אין דער נשמה פון דעם גואל, איהם צו זאַלבען מיט דער ליידענשאַפט פון זיין שיר, און דוד וועט נפטר ווערען בשלום.“

אַז דוד האָט געזעהען דעם גואל קומען, האָט ער געזאָגט, „די חכמה פון מיין זוהן שלמה וועט ירשה׳ענען מיין קרוין און דו געזאַלבטער, דו וועסט ירשה׳נען מיין חזיון. זיי וויסען, אַז די מענטשהייט איז אַ סאָד: די אונרוהיגע בלעטער, דאָס זיינען די מענטשען, די בוימער זיינען די פעלקער, און זייערע גאָלדענע פירות ווערען צייטיג אין הימעל. פונקט ווי די אינזלען ווערען בעוואָסערט פון שבעה ימים, אַזוי דער סאָד אין די זיעבען טעג. טאָמער פערוועלקט דער סאָד און די בוימער הויבען אָן צו פוילען, מוזטו דערקוויקען די פערוויאַנעטע בלעטער דורך ענטפלעקען דעם חסד פון די טעג.“

דעמאָלט האָט משיח געזונגען צו גאָט,

„נייג דיין אויער, נייג, גנעדיגער האַר!
„ווי דיין וואָרט אָהן סוף איך גאַהר,
„אַזוי גלוסט איך דעם וועג פון ליכט צו ווייזען דעם מענטש,
„ביז זיין פריהמאָרגען און בין־השמשות, איך תמיד בענטש,
„וועלען זיין אַ ברכה און אַ ישועה;
„ביז טאָג וועט זינגען צו טאָג דיין געבאָט;
„ביז בוים און בלאַט וועלען טראָגען די זריעה
„פון דיין אחדות, אייביגער גאָט."

ווען דער מלאך־המות איז געקומען צו געהן איז שוין געוועזען נאָך יציאת נשמה, מחמת דאָס געזאַנג פון דעם משיח האָט איהם שוין געהאַט איינגעשלעפערט אין זיין אייביגען שלאָף.

שלמה האָט געקעניגט אויף זיין אָרט, און געבויט אַ בית-המקדש, וואָס איז שפּעטער חרוב געוואָרען צוזאַמען מיט'ן לאַנד. אַ צווייט און אַ דריט בית־המקדש און דאָס ווידער אויפגעבויטע לאַנד האָבען געהאַט דעם זעלביגען גורל. בלויז די האָפענונג אויפ'ן משיח איז געבליבען גאַנץ.

פון דעמאָלט אָן, נאַכט נאָך נאַכט, געהט דער פרומער יוד אַראָב פון בעט צו חצות, צינדט אָן אַ ליכטעל, זעצט זיך אויף דער ערד וויינען אויפ'ן חורבן, און איז מתפלל, אַז משיח זאָל קומען. ווען אַלע ליכטלעך איבער גאָר דער גלות־וועלט זיינען שוין אָנגעצונדען, עפענען זיך משיח'ס אויגען. ער הויבט אויף דעם שופר פון זיין בשורה, און נעמט איהם צו די ליפּען. דאָס ווייסע אייזעל צעבריקעט זיך, און איז גרייט צו לויפען מיט דער לאַסט. דער משיח אָבער טראָגט די שטיקענדע קייטען פון דער פערשקלאַפטער מענטש־הייט, קייטען, וואָס ווערען אַלץ שווערער; דער שופר פאַלט איהם אַראָב, און זיין בלאָזען רייסט זיך איבער. ער ראַנגעלט זיך מיט די קייטען, און שרייט,

„גאָט פון אַלע אייביגקייטען! אייביג־קייטען!
„איך בעט דיך נאָכאַמאָל, נאָך איין מאָל!
„נישט פון מיין נשמה־געזאַנג,
„נאָר פון אַ האַרץ אין פּיין.
„ווילאַנג נאָך, ווילאַנג?
„ווילאַנג נאָך מוזען די וואָכען־טעג בלייבען פערשוועכט?

„צי זיינען דען נישט אַלע זיבען טעג און נעכט,
„בעהויכטע מיט ריח־ניחוח,
„וואָס דו האָסט בעשאַפען מיט ליעבשאַפט'ס כוח,
„און געזאָגט אויף זיי „טוב", זיינען זיי דען נישט הימלען אויך?
„זיינען דען נישט אַלע בעשאַפען פון דעם זעלביגען מופת-אות,
„געשמאָלצען אין זילבערנעם, ליכטיגען כאָאָס,
„אין זעלביגער מאָס פון בעגרעניצטער צייט פאָרמירט,
„צום זעלביגען גראד שווארץ און ווייס פאַלירט?
„פאַרוואָס זשע, אָה, גאָט! זאָג! זאָל נאָר דער איינער מנוחה־טאָג
„זיין שלימותדיג, ליוטער, הייליג,
„איינגעהילט אין גאָלדענעם לבוש, אויסגעוועבט פון געבענטשטע
ליכטלעך־שטראַהלען;
„און דיינע זעקס טהוענדע טעג זאָלען זיין וואָכעדיג-דערנידעריגט,
„פון מיאוס'קייט פערשוועכט און קלאָגענדיג ווי די שאַקאַלען?
„זיי רויטלען זיך דאָך פאַר חרפה אין טויער פון מאָרגען
און אין פלאַם פון בין־השמשות
„און וויינען דאָך אויף דעם גורל זייערען אַ גאַנצען טאָג פערבאָרגען,
„ביז זיי פאַלען אין חלשות.
„דו האַלטסט דאָך מיך נישט אין דיין קייטען־נעץ
„ווייל איך בין מורד געגען תורה-געזעץ,
„אַז מענטש איז בעשאַפען ווי דו צו רוהען איין טאָג
„און אין זעקס צו ווערען געיאָגט און געפּלאָגט? —
„און אַנשטאָדט מיך אויפצובינדען,
„שיקסטו מיר צו פרישע וואונדען —
„נאָך אַ מכה אין דער זייט,
„און נאָך אַ רינג אין דער קייט!
„אָה, ועסטו מיך אייביג אַזוי אין קייטען האַלטען,
„פון די ליידענדיגע טעג בעהאַלטען,
„ביז דער שבת־קודש וועט אויך ווערען בעפלעקט,
„ביז דער שכינה־גלאַנץ וועט ווערען אויסגעמעקט,
„ביז אַלע זיבען וועלען ווערען צום תהום געבראַכט,
„דערטרונקען אין חושך פון אַן אייביגער נאַכט?

„ווּעסטוּ, אָה, גאָט, ערשט דאַן מיך לאָזען פריי,
„ווען קיין מענטש וועט שוין נישט גלויבען אין דיר
„און נישט האָפען אויף מיר?
„ווּעסטוּ האַלטען מיין מויל פערשטאָפּט עס זאָל מיך קיינער הערען,
„ביז יעדעס מענטשען־קינד וועט אַ גלות־בעשעפעניש, אַ פּליט ווערען?
„ביז אַלע בוימער פון דיין סאַד
„און יעדע פרי פון דיין געגנאַד
„וועט ווערען צוהאַקט, צובראָקט, צושפּרייט,
„ווי ישראל דיין בוים, דיין הייליגער בוים?
„וואָס האָט קיין מקום מנוחה אין דיין רוים?
„אָה, גאָט, האָב רחמנות אויף זיי
„און לאָז מיך פריי!"
און משיח בויגט אַראָב דעם קאָפּ צום קאָפּ פון געדולדיגען אייזעל,
„אָה, אייזעלע, געטריי בהמה'לע,
„ווען וועלען פענטעס פון אונז זיך אָבטוהן?
„זאָג מיר, אויב דו ווייסט!
„די סבלנות דאָס איז דיין חן,
„מיין איינציגע טרייסט."
דאָס אייזעל הירזשעט מוהטיג אַ קללה אויף די וואָכעדיגע טעג, און לאָזט פאַלען דעם קאָפּ. די פיס ווערן איהם ווידער שטייף, און ס'הויבט זיך אָן אַ נייע שמירה. און דער אָקס ריטשעט מיט יעדען גליד, „מו־אוּ־או, איז משיח דאָך אַלץ נאָך בעלאַדענט מיט שווערע לאַסטען ווי אָקס און איד?" און לויתן טרייסעלט זיך פאַר כעס און צוברעכט זיינע זיעבען קרישטאַלענע שטיינען. אַזוי־אַ ליעגען אויף משיח'ן די נעכט — די לאַסטען פון טויזענדער שוואַרצע יאָהרען.
דעם דאָזיגען חצות־מאָמענט פון בטחון און ענטוישונג האָב איך גע־ירש'ענט אין שפּע־דיגער מאָס. פון קינדוויַיז אָן פיהל איך, ווען דער זייגער שלאָגט צוועלף, אַז די נאַכט ציטערט און שפּאַלט זיך אין צווייען. איך זעה אַ ליכטיגען שאָטן, וואָס איז אָנגעגרייט פאַר'ן גואל, און מיין גלויביג האַרץ הויבט אָן צו קלאַפּען ווי דעם אייזעל'ס פיס. עס דויערט אָבער נישט לאַנג און די צוויי העלפטען בעהעפטען זיך ווידער, און דער וועג פון ישועה ווערט פערפלייצט מיט פינסטערניש.

יענער נאַכט, ליגענדיג אויפ׳ן פּיענעק, האָב איך געהערט זיין אָכצען און קרעכצען. „ווען וועל איך אויפלעבען צוריק? זעה, די שטערען שיינען ווי ליכטלעך בשעת די תפילות צו חצות; די לבנה בלאָזט דעם שופר של משיח; און איך פויל." די וואָרצלען האָבען זיך געקנוילט ווי שלאַנגען, פרעגענדיג, „ווען? ווען?"

„איהר וועט נאָך בליהען און ברענגען פּירות," האָב איך זיי געזאָגט; און דערצעהלט ווי יהוה האָט צו מיר ענטפּלעקט דעם חזיון פון דעם בוים פון טעג אויפ׳ן הר־הצופים. דער פּיענעק האָט געזיפצט, „הלואי זאָלען דיינע רייד אויך קומען אין מיין הארץ אריין," און די צושפּרייטע וואָרצלען האָבען געקרעכצט, זיך געבראָכען די פינגער, און נישט געוואָלט ווערען געטרייסט.

איך בין איינגעשלאָפען. און ווען כ׳האָב מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, האָבען פייגעלעך געזונגען אויף יונגע ביימלעך, וואָס האָבען זיך געטוליעט צו דער קירך. איך האָב געהערט, אַז מען גראָבט, און, עפענענדיג די אויגען, געזעהען אַ גערטנער אַרבייטען נישט ווייט פון מיר. עס איז געווען אַ מענטש אין די מיטעלע יאָהרען מיט גרויע האָר, אַטיעף פּנים און טראַגישע אויגען.

איך האָב איהם געפרעגט, „קענט איהר מיר אפשר זאָגען צי פון אָט דעם וואָרצעל וועט נאָך אַרויסשפּראָצען אַ בוים?"

דער ענטפער איז איהם אָנגעקומען שווער, ער האָט שרעקלעך געשטאַ־מעלט, „ניין".

אָט דער „ניין" האָט מיך געטראָפען ווי אַ צענדליג קוילען פון אַ ביקס. דער גערטנער האָט עס געפיהלט, און געבליבען צומישט, און ריידענדיג ווייטער, איז יעדעס וואָרט געווען אַן אָבגעבראָכען שטיק פון זיין הארץ.

„ביטע זייט מיר מוחל. איך האָב געליטען פון אַן ערשיטערונג אין דער וועלט־מלחמה, און דאָס לייכטסטע וואָרט, וואָס איך קען אַרויסריידען, איז „ניין," נאָר כ׳האָב עס באמת נישט געמיינט."

„רעדט צו מיר, זשענירט זיך נישט."

„אָבער, מיין הערר, איך שטאַמעל דאָך אַזוי."

„ס׳מאַכט נישט אויס. איהר זענט אַן ענגלענדער, מלחמה־דערשיטערט: איהר שטאַמעלט, אָבער סוף כל סוף געפינט איהר דאָך דאָס וואָרט. איך בין אַ איד: גלות־דערשיטערט: איך שטאַמל, און קען נישט געפינען דאָס וואָרט. און איך בין אויך אַ גערטנער — אויפ׳ן בית הקברות פון מיין פאָלק."

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט טרייסטענדיגע אויגען. „וואָס אַן אמת,

איך האָב יאָ געזעהען געזונדע בוימער אַרויסוואַקסען פון פערפוילטע וואָרצ־לען. איך געדענק ווען כ׳בין נאָך געווען אַ יונגעל, איז דער דאָזיגער פיענעק שוין דעמאָלט געווען אַ זקן. מיין פאָטער, וואָס איז דאָ געווען דער גערט־נער פונקט ווי זיין פאָטער און זיידע, האָט מיר דערצעהלט, אַז אָט דער בוים איז אַמאָל געווען אַ ריעז, און פון זיינע זאָמען זיינען אַרויסגעוואַקסען אַ סך בוימער אין דער סביבה אַרום. מן הסתם ווייסט איהר, אַז געוויסע זריעות אויף בוימער זעהען אויס ווי פליעגלען? זיי וואַרפען אַראָב פון זיך דאָס בליהעכץ, און אָטעמען איין דעם כח פון זעלבסט־שטענדיגקייט. דערנאָך רייסען זיי זיך אָב פון די צווייגען און פליהען אַוועק ווי די פייגעלעך. זיי זוכען ביז זיי געפינען גוטע ערד, וואו זיך צו פערפלאַנצען, און וואַקסען אויף גרויסע, פרעכטיגע בוימער, וואָס לעבען ווער ווייסט ווי לאַנג. און ביטע, דערלויבט מיר אייך צו דערצעהלען נאָך אַ זאַך. ביי דער משפחה מיינער האָט תמיד עגזיסטירט אַ טראַדיציע, אַז דער דאָזיגער בוים קען קיינמאָל נישט אין גאַנצען אָבשטאַרבען, וויל דער גרויסער גערטנער האָט איהם פערפלאַנצט מיט זיין גרינעם דוימען־פינגער. שוין איצט קוקענדיג, קענט איהר זעהען דעם וואָרצעל זיך היילען. יאָ, מיין העררע, מען קען עס זעהען.״

איך האָב אויסגעשריגען, „זאָל גאָט אַליין אייך היילען, הגם אין אייער איצטיגען מעמד זענט איהר אויך שוין פיל מעהר טרייסט ווי די אַלע מליצה׳־דיגע רייד, מיט וועלכע איך האָב מיך ווען עס איז בעגעגענט.״

דער דיאַמאַנטענער רינג

נאָך אַט דער דאָזיגער נאַכט האָט מיך אָנגעכאַפּט אַ חשק מיר צו קויפֿען עפּעס אַ שיינעם איידעל־שטיין פֿאַר אַ שפּיעל־צייג, וואָרום כדי צו היילען די לעבענס קראַנקהייט מוז מען זיין אָנגעגורט מיט די שטראַהלען פֿון לייטזע־ליגקייט. איך האָב געוואוסט, אַז מיינע טאַשען זיינען ליידיג, און זייער ליידיגקייט האָט מיך דערקוטשעט ביי דער נשמה. האָב איך מיך אומגעקעהרט קיין לאָנדאָן, און בין נישט אריינגעגאַנגען אין מיין געשעפֿט אריין אויס מורא טאָמער שלינגט עס מיך איין מיט זיין בעציערט מויל, ווי עס איז שוין מערערע מאָל געוועזען דער פֿאַל. נאָר האָב מיך געדרעהט פֿאַר די שוי־פֿענ־סטער פֿון אַנדערע יוואוועלירער. קיינס אָבער האָט נישט געהאַט קיין פּרעה־ליכען שמייכעל פֿאַר מיינעוועגען; ס'איז אין זיי נישט געווען קיין יואוועל, וואָס איך האָב בעגעהרט, און קיין איינס האָט מיך נישט בעגעהרט.

פֿלוצלונג האָב איך דערזעהען אַ ניי געשליפֿענעם דיאַמאַנט, ניי איינגע־פֿאַסט אין פּלאַטיניום, און דער פּרייז האָט מיך געלאַקט. איך האָב איהם געקויפֿט, און בין אריין אין הייד פּאַרק, וואו כ'האָב מיך אַנידערגעזעצט ביים טייכעל „סערפּענטיין“, אַדורכצוקוקען מיין קניה מיט'ן נשמה־שפּאַקטיוו, וואָס אַלע דיאַמאַנטען־סוחרים דאַרפֿען בעזיצען. האָב געזעהען, אַז דער שטיין איז מעכאַניש און סימעטריש געשניטען, פֿאַלירט ביז צו סכנות'דיגער שלימות, און אריינגעקוועטשט אין די שטיקענדיגע לאַפּעס פֿון פּלאַטיניום. ס'געוויסען האָט מיך אָנגעהויבען פּייניגען, „פֿאַרוואָס האָסטו מחלל געווען דעם דאָזיגען טאָג פֿון עבודה דורך קויפֿען און מטמא זיין דיינע הענד מיט מיאוסקייט און לעבלאָזיגקייט ?“

פֿערשעהמט האָב איך מיך אומגעקעהרט קיין לאַלינגטאָן אויפֿ'ן בית־עלמין. ווען כ'בין אָנגעקומען אַהין איז שוין געווען צו בין־השמשות. האָב איך מיך אַנידערגעזעצט ביים פּיענעק, אַרויפֿגעלעהגט דעם דיאַמאַנט־בר־מינן אויף דער האַנד, און דאָס געוויזען דעם רבונו של עולם. „קוק אויף דיין פֿאָלק ! ישראל איז אויך אַמאָל געווען אַ בריליאַנט, געשניטען און געשליפֿען פֿון

אמת'ע מייסטערס, איינגעפאסט אין ציונ'ס געליטערטען גאָלד. וואָס איז אָבער פון איהם געוואָרען? אַן אויסגערעכענטער שפּעקולאַנט, אַ קאַלטער בעל־מח, אַ פאַבריקאַנט פון דברי חול! אויך ער איז מטמא דיינע רויה־מאַטעריאַלען, ווי די אַנדערע פעלקער, מאַכענדיג מלבושים וועלכע פּאַסען זיך מעהר פאַר אַבגעטער ווי פאַר מענטשען, שלייפענדיג איידעל־שטיינער לויט'ן בילד פון אַ לאַגישען, בעגרעניצטען גייסט.

„וועה איז מיר, ווי שטעל איך מיך דאָס אונטער אַנצוגעבען אַ מסירה אויף מיין אייגען פאָלק? איך אַליין האָב דאָך געקויפט אַט דאָס דאָזיגע מת פאַר געלד, וואָס כ'האָב פערדינט פון הייליגער שעהנקייט; עס געקויפט נאָר כדי צו מאַכען אַ פּראָפיט; און אַט די טהאַט האָט דאָך פערשוועכט דעם טאָג."

עס איז שוין געווען כמעט פינסטער, נאָר פון דער וויטענס האָב איך בעמערקט אַ בליאַסק פון דעם גערטנער'ס איבערגעלאָזענער לאָפּעטע. איך האָב זי גענומען, און אויסגעגראָבען אַ קליין קבר'על נעבען דעם פּיענעק. אויף אַ שטיין האָב איך אויפגעשריבען „אָרימער דיאַמאַנטען־רינג, דו ביסט פונקט ווי מיין פאָלק. תהי נשמתך צרורה בצרור החיים." און האָב בעגראָבען די מצבה מיט'ן רינג,ביידע צוזאַמען.

דער צובראכענער שפיגעל פון דער וועלט

איך בין צוריקגעפאָהרען קיין לאָנדאָן דערצעהלען אהביאל׳ן פון מיינע לעצטע איבערלעבונגען. אז זי האָט געהערט פון מיין ברענגען צו קבורה א בריליאַנטענעם רינג, האָט זי מיר געגעבען א סאַפיר גאָלדענעם רינג, וועלכען זי האָט געהאַט אויסגעשמידען אין ירושלים פאַר דער פירמע „הדר דורות, לטד.״ דער רינג האָט געהאַט אייניגע דורכגעלעכערטע געוועלבונגען, און אינעווייניג אין די געוועלבונגען זיינען געשטאַנען זעקס קליינינקע, גאָלדענע פיגורלעך אָבגעשיידט איינס פונ׳ם אַנדערען. אין אָט דער רגע זיינען זיי פאַר מיר געוואָרען סימבאָלען פון די זעקס גאָלדענע טעג, וואָס וואַרטען אין די גאָלדענע געוועלבונגען אויסגעלייזט צו ווערען.

ווי נאָר איך האָב אַרויפגעצויגען דעם רינג מיר אויפ׳ן פינגער האָב איך דערפיהלט, אז ער בעזיצט עפּעס א הערמאָישע אייגענשאַפט פון גוטסקייט, און מיר געטראַכט, אויב גאָלד קען בעקומען לעבען, פאַרוואָס טאַקע נישט האָלץ אויך?

די גמרא דערצעהלט, אַז אברהם אבינו האָט אויף דער ברוסט געטראָגען א בריליאַנט, וואָס האָט געהיילט אַלע חולאים, וועלכע האָבען אַ קוק געטוהן אויף איהם, און אַז ווען אברהם איז געשטאָרבען האָט דער רבונו של עולם פער׳חתמ׳עט דעם שטיין אין דער שוים פון דער זון. אויב אברהם׳ס בריליאַנט האָט געקענט היילען, האָב איך געטראַכט, פאַרוואָס זאָל אָט־אָ דער רינג נישט קענען; ער בעזיצט דאָך די יסודות פון לויטערקייט, קראַפט, און דעליקאַטער פראַכט! אויב דער רינג וואָלט געוויזען בכח אויפצולעבען דעם פּיענעק, וואָלט איך מיט׳ן רינג געקענט היילען ישראל׳ען, דעם שבת־מאַכער; און ישראל וואָלט אַכטונג געגעבען אויף די זעקס ליידענדיגע טעג, און אַלץ וואָלט געווען אין אָרדענונג.

איך האָב מיך נישט געוויילט און אומגעקערט קיין לאַלינגטאָן, און ביים דערנעהנטערען זיך צום בית־עלמין, האָב איך דערזעהן בליצען אויף די בערג. די בליאַסקען האָבען זיך פערוואַנדעלט אין א מחנה פלאַמען, וואָס

האָבען אַרומגערינגעלט דעם בית־עלמין, און דער ליכט־קרייז האָט זיך געדרעהט מיט אַ שנעליקייט כמעט נישט צו דערזעהען. צום סוף האָט דער קאַראַוואַן פון ליכט זיך אָבגעשטעלט ביי דעם פּיענעק, און די נשמה פון ישראל איז אַרויסגעשטיגען, און געזאָגט, „זעץ דיך אַנידער נעבען מיר אויפ'ן גראָז."

ווען נישט די אויגען איהרע און דאָס קול וואָלט עס געווען אונמעגליך זי צו דערקענען. דאָס פּנים אירס איז געווען געל, פול מיט קנייטשן און בלוטיגע שפּעלטעלעך. די ליפּען — אָבגעשונדען און בעדעקט מיט ווילדפליישׁ, די האָר פול מיט אומפלייט, די פינגער אויסגעבויגען, און געקליידט איז זי געווען אין שמאַטעס.

איך האָב געקוקט און געקוקט אויף איהר, די דערשיטערונג אָבער איז געווען צו גרויס, אַז כ'זאָל קענען אַרויסברענגען אַ וואָרט. זי האָט אויך נישט גערעדט, נאָר פאַרזשמורעט די אויגען ביז זיי האָבען אויסגעזעהן ווי צוויי איינשניטען, וועלכע האָבען אַדורכגעשטאָכען מיין נשמה ווי מעסערס. פון איהר אויסזעהען איז מיר אָנגעגאַנגען אַ חלשות, אַזש געבראָכען.

דורך מיינע אַנגסטען האָב איך זי געהערט זאָגען, „דו ביסט גליקליך מיט'ן רינג אויף דיין פינגער. נאָר דו אַליין אין דער וועלט האָסט מזל. שעהנקייט האָט זיך אויסגעגאָסען פאַר דיינע אויגען; בלומען־קרענץ פון פריינדשאַפט ליגען צו דיינע פיס. דו ווייסט פון ליעבע, און קענסט נישט וויסען וויאַזוי שנאה האָט פערגיפטעט די וועלט. דו ווילסט ענטפּלעקען די הערליכקייט פון די טעג, און פערגעסט, אַז אפילו דער שבת איז אויך שוין פערשוועכט. דו קענסט נישט די וועלט. דו ווייכט גאַרנישט וויאַזוי מיאוס־קייט האָט פערפינסטערט דאָס פּנים פון דער ערד. קוק! שעם דיך נישט. אָט דאָ האָסטו דעם צובראָכענעם שפּיעגעל פון דער וועלט אין אַלע זיינע אָבשפּליטערונגען."

ריידענדיג אַזוי האָט זי אַראָבגעוואָרפען פון זיך איהרע שמאַטעס, און איז געבליבען שטעהן נאַקעט און בלויז אויפ'ן גראָז אין בית־עלמין.

„דערקען אין מיר די וועלט, וואָס דו ווילסט היילען! איך בין צוקאַליעטשעט און צוריסען. מיינע ריפּען זיינען צובראָכען, מיין מוטערלייב איז אַ קבר פון ליעבעס, וואָס זיינען שוין טויט. קוק אויף מיינע פערקריפּעלטע פינגער, זיי זיינען די צעהנדליגער מיליאָנען מענטשען, וועלכע זוכען אַרבייט און געפינען נישט; וועלכע אַרבייטען, אָבער קענען די אַרבייט נישט ליעבען.

דו האָסט געבראָכען ביים ערשטען בליק אויף מיין פוילענדיג פנים — דו, וואָס ווילסט היילען א וועלט!"

זי האָט ווידער אַרויפגעשלעפּט אויף זיך די שמאַטעס. איך בין צוגע-גאַנגען צו איהר; האָב געקושט איהרע פינגער; געקושט איהרע ליפּען.

די רפואה

אין דער פריה האָט דער גערטנער מיך געפונען, און אַריינגעטראָגען צו זיך אין הייזעל אַריין, געלעגט אויף אַ געלעגער, און במשך פון גאַנצע דריי מעת־לעת זיך געמיהט, אַמאָל ער אַמאָל זיין ווייב, אַכטונג צו געבען אויף מיר מיט גרוים איבערגעגעבענהייט און ליעבשאַפט, מחמת כ'בין געווען פערגיפטעט און האָב געליטען פון פיעבער.

אַז איך בין געקומען צו די כחות האָב איך דווקא געוואָלט נאָכאַמאָל זעהן דעם פיענעק. מיין זאָרגזאַמער קראַנקענוועכטער, דער גערטנער, איז פונקט אַזוי געווען ענטשלאָסען מיך צו בעגלייטען. איך האָב מיך געבוקט פאַר'ן פיענעק, אַרויפגעלייגט דעם גאָלד און סאַפיר רינג אויף איהם, און אויסגעשריגען, „שטעה אויף, דו בוים פון ישראל! אָט דאָס איז דאָס גאָלד פונ'ם נייעם ציון, דער סימן פון מיין פאָלק'ס אויפוואַכונג."

באַלד האָב איך דערהערט אַ געוואַלדיגען ציטער קומען פון פיענעק, און האָב אַ רוף געטהון דעם געטנער, אַז ער זאָל קומען הערען. ווי נאָר ער האָט צוגעלעגט דאָס אויער צום פיענעק איז ער אויפגעשפרונגען, שרייענדיג אָהן אַ שטאַמעל, „וואָס פאַר אַ שטורם, וואָס פאַר אַ שטורם! וואָס קען עס בע־טייטען? ס'קומט מיר פאַר ווי איך וואָלט געהערט די שלאַכט ביי מאַנס אויף דאָס ניי. זעהט! דער פיענעק טרייסעלט זיך, די וואָרצלען בעוועגען זיך. אָה, פאָטער אין הימעל, האָב רחמנות אויף אונז!"

פלוצלונג איז עס איהם קלאָהר געוואָרען, אַז ער שטאַמעלט נישט מעהר.

„אויף מיין וואָרט!" האָט ער געשריגען, „איך שטאַמעל דאָך נישט, איך קעןריידען. איך קען!" האָט אַ כאַפּ געטוהן די לאָפּאַטע און גענומען טאַנצען צווישען די קברים, זינגענדיג הויך אויפ'ן קול, „דער לאַנגער מענש פון וויל־מינגטאָן קוקט נאָקעט צו די בערג". איז אַנידערגעפאַלען אויפ'ן גראָז; דער־נאָך געטוהן אַ לויף אַריין אין דער קירך, וואו ער האָט זיך אַנידערגעוואָרפען אויפ'ן דיל אין אַ היסטעריש שלוכצען.

ביסלעכווייז האָט ער זיך בערוהיגט און געפיהלט גליקליך. „ענטשולדיגט

וואָס כ'האָב מיך אַזוי פֿערגעסען. כ'וועל איצט געהן אַהיים, כדי מיין ווייב זאָל מיך הערעןריידען; אַסך ריידען. איין גאָט ווייסט ווי גרויס איהר צער איז געווען פֿון מיין געבראָכענעם לשון, נאָר זי דאָט עס מיר קיינמאָל נישט פֿאַרגעוואָרפֿען. אַזאַ ווייב געפֿינט מען נאָר איינע אין אַ מיליאָן."

אַ סך שפּעטער האָב איך זיי ביידע געזעהען קומען צו מיר. די פֿרוי האָט געטראָגען אַ טאַץ מיט מאכלים פֿאַר מיינעטוועגען. קוקענדיג אויף איהר גליקליך, טרעהרען-געוואַשען פּנים, האָב איך אָבגעגעבען אַ שבח דעם רבונו של עולם, וואָס שפּייזט דעם מענטש מיט ברויט, מיט חסד, און מיט רחמים. און האָב מיר געטראַכט, "אַה, ווי גוט איז ברויט מיט וואַסער ווען בע'טעמ'ט מיט גוטען ווילען. זיי זעטיגען מעהר ווי איין הונגער, און שטילען מעהר ווי איין דורשט."

נאָכ'ן עסען האָט דער גערטנער צו מיר געזאָגט מיט אַ זיס שמייכעלע. "איך האָב אייך געברענגט אַ רפואה. פֿון אייערע רייד, בשעת דער קרענק, פֿערשטעה איך, אַז יואוועלען זיינען פֿאַר אייך אַ זעהר וויכטיגער עניז. ביטע נעמט אָן אָט די דאָזיגע מתנה. עס איז אַלץ, וואָס איך פֿערמאָג."

ער האָט אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ בייטשעל טהייערע קאַרנעאַלישע פּאַטשערקעס, און מיט אונטערטעניגקייט זיי מיר דערלאַנגט.

איך בין געווען אַזוי ערשטוינט, אַז כ'האָב קוים געקענט אַרויסריידען אַ וואָרט, און אַליין גענומען שטאַמלען, "וויפֿיל האָט איהר דאָ?"

"זיעבעציג. נאָר ס'קען זיין, אַז לאַנג, לאַנג צוריק זיינען געווען אַ סך מעהר; וואָרום אָפּטמאָל פֿלעגט מען זיך שפּיעלען מיט זיי, און זיי האָבען זיך צעשאָטען אין פֿערשטויבטע ווינקלען, פֿערלוירען געגאַנגען און ווידער געפֿונען געוואָרען, און אויפֿגעצויגען."

"אָבער פֿון וואַנען האָט איהר זיי?"

"ווי ס'איז אייך שוין בעקאַנט זיינען מיינע עלטערען דאָ געווען די בית-עלמין גערטנער מכמה דורות, נאָר געלעבט האָבען זיי אין דער געגענד פֿיעל לענגער. און פֿאַמיליעס, וואָס וואוינען זעהר לאַנג אויף איין אָרט, פֿערמאָגען זאַכען אָהן צו וויסען פֿון וואַנען זיי נעמען זיך. איך האָב געהערט מיין זיידען זאָגען, אַז מיין משפחה האָט זיי בעקומען אין דער צייט ווען קראָמוועל'ס חיילות זיינען געווען אין דער סביבה; אַן אַנטיקוואַר אָבער האָט געזאָגט דעם פֿאָטער מיינעם, אַז אורשפּרינגליך זיינען זיי געקומען פֿונ'ם מזרח."

„איך וויל זיי מעהר ווי עפּעס אַנדערש אין דער וועלט,“ האָב איך גע־זאָגט, לאָזענדיג זיי לויפען איבער מיינע פינגער. נאָר וויאַזוי קען מען דאָס צונעמען אייער פאַמיליען-אוצר ביי אייך?“

„מיין ווייב האָט זיי קיינמאָל נישט געטראָגען,“ האָט ער גע־ענטפערט, און אויב איהר ווילט זיי אַזוי דרינגענד ווי איך האָב געוואָלט האָבען מיין לשון, זיינען מיר קוויט.“ און ער מיט זיין ווייב זיינען אַוועק־געגאַנגען מלא שמחה, שמייכלענדיג פון גרויס גליק.

די קאַרנעאַלישע פּאַטשערקעס

איך האָב מיך געשפּילט אין געשפּילט מיט די פּאַטשערקעס, און זיי זיינען געווען רויט ווי רובינען אין מיינע הענד. פּלוצלונג האָבען זיי אַ פינקעל געטוהן צו מיר מיט זיעבעציג אויגען, בשעת דער בליאַסק פון אַ בליץ איז איבער זיי אַריבער. אַ שטרייף ליכט האָט אונז אַרומגערינגעלט, און איך האָב געוואוסט, אַז די נשמה פון ישראל דערנעהנטערט זיך אינ׳ם קאַראַוואַן פון ליכט. מיר איז איינגעפאַלען אַ גליקליכער געדאַנק, אַז אָט־אָ די דאָזיגע קאַרנעאַלישע פּאַטשערקעס זיינען עס, וועלכע זי זוכט, און וועלכע געפינען זיך איצט אין מיין רשות. דערמאָהנענדיג זיך אָבער אין איהר שרעקלעך אויסזעהן, האָב איך מיך געוואונדערט, צי זי יועט נאָך בכלל וועלען האָבען עפּעס אַ ציערונג.

נאָר ווען דער קאַראַוואַן האָט זיך אָבגעשטעלט, איז אַרויסגעשטיגען אַשעהנע יונגע פרוי, ריטמיש און גראַציעז אין אַלע בעוועגונגען איהרע.

מעשה שפּאַס האָב איך אַרויפגעצויגען אויף מיר די מינע פון אַ געשיקטען סוחר. „מיט וואָס קען איך אייך דיענען, מאַדאַם? אפשר אינטערעסירען אייך טייערע קאַרנעאַלישע פּאַטשערקעס?“

“יאָ, געווים. אָבער וויאַזוי האָסטו מיך דערקענט?“

„דורך דעם קרישטאָלענעם קאַראַוואַן, און דורך אייערע אויגען, וואָס קיין שלייער קען נישט פערהוילען.“

„און דו האָסט טאַקע באמת איינגעקויפט די דאָזיגע פּאַטשערקעס פאַר־מיינעטוועגען?“

איך האָב זיי אַרויסגענומען. אין זייער אייפריגקייט האָבען זיי זיך אַראָבגעגליטשט פונ׳ם שנירעל, געפאַלען אויפ׳ן גראָז, און זיך געקאָלערט צו איהרע פיס, ווי הינדעלעך צום רוף פון זייער מוטער. און זי האָט זיך אַראָבגעבויגען, זיי געגעבען צו טרינקען פון איהרע טרעהרען, און געשפּייזט מיט איהרע קושען.

„אוי, מיינע טהייערע, זיסע נשמה׳לעך,“ האָט זי גערעדט צו זיי אויף

אידיש, „אוי, ווי איך האָב דאָס געבענקט אויף אייך דורך די יאָהרען, וואָס כ׳האָב אייך נישט געזעהען. אָה, מיינע ליעבע אייניקלעך, ווי רויט איהר זענט דאָס! און וועה איז צו מיר, אייך איז דאָך אַזוי קאַלט! נאָר גאָרנישט, איך וועל אייך באַלד דערוואַרעמען.“

זי האָט זיי צונויפגענומען אין איהרע הענד, געאָטעמט אויף זיי, גע־האַלטען צו דער ברוסט, צום האַרץ.

„איהר רעדט אידיש? איך האָב עס גאָרנישט געוואוסט,“ האָב איך געזאָגט מיט חידוש.

„איך זאָל נישט קענען דאָס לשון פון מיין געפיינִיגט פאָלק?!“

„אין דעם פאַל, ביטע, רעדט צו מיר אָפען. קודם כל פאַרוואָס ליעבט איהר אַזוי די דאָזיגע פּאַטשערקעס, און זיי געוואָלט אַזוי גערען האָבען?“

„נאַריש קינד,“ האָט זי געענטפערט. „דו מוזט דען אַלץ וויסען? נו, גוט. ווען די באָבע שרה איז געוועזען אין אַכטען חודש מיט יצחק׳ן, האָט זי כסדר נאָך נישט געגלויבט, אַז איהר קען פּאַסירען אַזאַ נס. זי איז גע־ווען אַ מאָדנע אַלטיטשקע. האָט אברהם איהר דעמאָלט געקויפט דאָס דאָזיגע בייטשעל קאָרנעאַלישע פּאַטשערקעס פאַר אַ סגולה צום געלעגען ווערען. „מזל׳דיגע שטערען שאָסען“ האָט זי גערופען די פּאַטשערקעס. שרה האָט זיך אַזוי געפריידט, אַז זי האָט זיי אַזש געקושט, און האָט אויסגעשריגען, „פון איצט אָן, ליעבער אברהם, וועל איך שוין גלויבען אַלץ, וואָס מלאכים זאָגען צו, נאָר דו ביסט מיין ליעבסטער מלאך, מחמת מלאכים ברענגען הבטחות, דו אָבער טהוסט מעשים בפועל ממש.“

„די באָבע שרה, עליה השלום, האָט איבערגעלאָזט די פּאַטשערקעס בצוואה פאַר דער מאַמע רחל, און זי האָט זיי איבערגעלאָזען פאַר מיינעט־וועגען. אין דעם טאָג, ווען טיטוס הרשע האָט פערטריבען מיינע קינדער אין גלות אריין, האָט דאָס שנירעל זיך איבערגעריסען. מיינע פּאַטשערקעס זיינען צוזייט און צושפּרייט געוואָרען, — וועה איז מיר! — צווישען אַלע זיעבעציג אומות. אין יענעם טאָג האָב איך געהערט אַ בת־קול, וואָס האָט אָבגעהילכט דורך אַלע נייַנצעהן הונדערט יאָהר, „עס וועט קומען אַ טאָג, ווען אַלע פּאַטשערקעס וועלען צוריק צונויפגעזאַמעלט ווערען אויף איין שנירעל, וואָס וועט זיך מעהר נישט איבעררייסען, און זיי וועלען מעהר נישט ווערען צושפּרייט.“

די דריי זינגערס

„זאָג מיר, מיין געליבטע," האָב איך זיך געבעטען ביי איהר, „וואו איז דיין היים?"

„אומעטום, און אין ערגיץ נישט."

„די נשמה פון ישראל דאַרף האָבען איהר וואוינונג אין ירושלים," האָב איך געזאָגט מיט ערנסט. „אָה, ווי הערליך — — —"

זי האָט אַרויפגעלעגט די האַנד אויף מיין מויל. „דו ווייסט דען נישט, אַז הקדוש ברוך הוא האָט גע'אסר'ט צו ענטפּלעקען די דאָזיגע הערליכקייט?"

איך בין געוועזען ערשטוינט, און זי האָט ווייטער גערעדט. „ווען משה איז נאָך געוועזען אַ יונגערמאַן ביי זיין שווער אויף קעסט, פּערנעמענדיג זיך מיט שרייבען דאָס ספר איוב אַנשטאָדט צו פּיטערען די שאָף, פלעג איך אָפטמאָל קומען צו איהם אויף בעזוך, און מען האָט זיך דאָרט תמיד גע־ערגערט. „איך ברויך נישט קיין בעל־חלומות, קיין שרייבער אין הויז, נאָר אַן איידעם אַ בעל־הבית פאַר מיין טאָכטער," האָט די שוויגער געהאַלטען אין איין שרייען. „דער טרוימער האָט די חוצפה צו ריידען וועגען בעפרייען די אידען, פּונקט ווי ער וואָלט עס טאַקע געקענט טוהן, אָדער אַז די אידען ווילען עס גאָר."

„האָט ציפורה געזאָגט, „וואָס קען איך טוהן, מאַמע, אַז די אידען און איוב'ס צרות ליעגען איהם מעהר אין קאָפּ ווי צו זאָרגען פאַר זיין פאַמיליע?"

„דאָך איז פון זיין פּערטיפען זיך אין איוב'ס צרות אַרויסגעקומען אַ טובה, וואָרום קיינער קען נישט פּיהלען דעם וועהטאָג פון אַ גאַנץ פאָלק און עס היילען, אויב ער פילט נישט און היילט נישט די וואונדען פון אַ יחיד. ער פלעגט זאָגען צו מיר, „וויאַזוי שמיעדט מען עס צוזאַמען יעקב'ס קינדער, אַז אַלע זאָלען האָבען איין רצון? וויאַזוי וועל איך דאָס קענען זיין אַ פּאַסטוך איבער אַזאַ געמישטער סטאַדע פון געהאַרכזאַמע לעמעלעך, זיסע טייבעלעך, ווילדע חיות, און געפערליכע הינד?"

„אָבער איך האָב איהם נישט געלאָזט צורוה. אינ'ם שטורם־ווינד פון

דער נאַכט האָב איך איהם אַרומגערינגעלט מיט'ן שטורמדיגען קאַראַוואַן פון ליכט, ביז דער טאָפּעלטער שטורם האָט איהם געצוואונגען אויסצושרייען, „איך געה: כ'קום; כ'וועל ראַטעווען."

„נאָך דעם ווי ער האָט צובראָכען די לוחות מחמת דער עבודה-זרה פון פאָלק, האָט ער נישט געוואָלט מעהר זיי געבען די ברכה פון די עשרת־הדברות. זיינען אַלע, וואָס זיינען אורשפּרינגליך געווען פאַרטרעטען אין זיי, געקומען און זיך געבעטען ביי איהם — דער גנב, דער רוצח, דער נואף, דער נישט־פערגינער, דער בן־סורר ומורה, — אַז אָהן די צעהן געבאָט וועלען זיי קיינמאָל מעהר נישט קענען געפינען קיין תיקון פאַר זייערע פערלוירענע נשמות. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפען.

„האָט יהוה אַליין זיך ביי איהם געבעטען. „משה! דו האָסט דאָך גאַנץ און הייליג געמאַכט מיין נאָמען, זעה, אַז די לוחות זאָלען נישט בלייבען צובראָכען". אָבער משה האָט געענטפערט, „האַר, זיי וועלען דאָך סאַי ווי פערשוועכען דיין נאָמען און ברעכען דיינע געבאָטען."

„איז געקומען דער יום־השבת, און געזאָגט, „משה, טהו עס מיר צוליעב און פאַר מיינע זעקס שוועסטערס וועגען, אַנישט בלייבען מיר אַלע פער־שקלאַפט לעולם ועד."

„נאָר דעמאָלט האָט משה ווידער אָנגעשריבען די לוחות. אָבער ווייבער און שוויגערס האָט ער נישט געוואָלט געבען קיין חלק אינ'ם טאָג פון מנוחה.

„יענע נאַכט איז געוועזען זעהר קיהל און קלאָהר, נאָך אַ הייסען טאָג, און דאָס הימעל־געוועלב האָט בולט געגלאַנצט מיט זיינע שטערען־קאָנסטע־לאַציעס. משה, דער פאַסטוך, האָט זיי גענומען צעהלען, און פּלוצלונג בע־מערקט, אַז איין שטערען פעהלט. ווי נאָר דער מאָרגען־שטערען האָט אויפ־געעפענט דאָס טויער, איז משה געקומען פאַר דעם האַר, איהם צו מעלדען וועגען דעם שטערען, וואָס פעהלט.

„ביסט זיכער, מיין קנעכט?"

— גאַנץ זיכער.

„האָט דער האַר געזאָגט, „יאָ, האָסט ריכטיג געצעהלט. איך האָב גענומען אָט דעם שטערען, און אויסגעשמידט ירושלים פון איהם."

„אָה, מיין האַר, וועלען נאָך מיינע אויגען עס זעהען?"

„יאָ, מיין געטרייער קנעכט, אָבער נאָר פון דער ווייטענס, ווייל דו

האסט נישט מוחל געווען דיין ווייב נישט דיין שוויגער, וועסטו קיין ירושלים קיינמאל נישט אריינקומען."

„משה איז ארויפגעשטיגען אויפ'ן בארג פון מואב. אזויווי די שווערד פון זיין צונג איז געהאט געווען געשארפט אויף פרעה'ס שטיינערנעם הארץ, האט ער בדעה געהאט צו זינגען דאס געזאנג פון ירושלים'ס וואונדער. אבער דער האר איז איהם נאכגעגאנגען, און איהם אראבגעקושט דאס ליעד פון זיינע ליפען, און אזוי איז ער געשטארבען.

„א סך, א סך שפעטער איז געקומען אן אנדערער זינגער: רב יהודה הלוי. זיין חזיון איז אפילו נישט געוועזען אזוי גרויס ווי דער חזיון פון די קלענסטע נביאים, ווארום דער האר האט איהם געהאלטען איינגעשלאסען אין די תפיסה־מויערען פון דעם טאג זיינעם: דער טאג, וואס דארף קומען, איז איהם קיינמאל נישט ענטפלעקט געווארען. דאך האט איהם קיינער נישט איבערגעשטיגען אין זיין ליעבשאפט פאר ציון. זייענדיג נאך אין שפאניען, זיינען די סטרונעס פון זיין הערץ געווען פערקניפט מיט די בערג פון ירושלים.

, „אה, אייביגע בתולה־שטאדט,
אויסגעבעט אויף פעלזען פיער
אונטער דער בלאהער חופה פון זיין גנאד,
שטראמט ליעבשאפט אין מיינע אדערען צו דיר.
כ'האב אין גאלדענע טעג שפאניע'ס געטרעטען
מיט דיינע זיידענע לאקען זיך מיין חלום געשפילט;
און פון גאט גארנישט שוין געבעטען,
בלויז די ליעבשאפט נישט ווערען זאל געקיהלט."

„אהן אטעם איז ער אנידערגעפאלען פאר דער כותל־מערבי בשעת ער האט אריינגעזונגען זיין ליעבשאפט אין די וויינענדיגע שטיינער אריין ווארום דער האר האט מורא געהאט, טאמער ענטפלעקט ער צו זיין פינסטערער צייט ירושלים'ס גרויסע שעהנקייט, און מען וועט זי פערגעוואלדיגען. דערפאר איז דאס פריהצייטיגע געזאנג אבגעפליקט געווארען פון זיין הארץ: און ערגער ווי דער טויט איז געוועזען דאס רעשטעל פון זיין לעבען.

„ווידער אין א לאנגער, לאנגער צייט ארום איז געקומען א דריטער זינגער. געהייסען האט ער דזשאן מילטאן. פאר איהם האט ירושלים זיך ענטפלעקט אין גאנצען אהן א שלייער, ווי צו דער לבנה און צו דער זון; און אלץ וואס זיינע אויגען האבען געזעהען, דערפון פלעגט זיין נשמה זינגען.

נאָר דער ווייט-זעהענדיגער בורא־עולם האָט איהם פאַר אַ סגי־נהור געמאַכט מיט'ן פייער פון זיין זעל."

דערנאָך האָט די נשמה פון ישראל געזונגען זעהר זאַנפט,

„אַמאָל האָט געלעבט אַ מלכה,
„דער תפארת האָט זי געטוהן באַצירען,
ליליעס האָבען איהר נישט פערגינען דעם חן,
„פערל האָט געראויטעלט זיך פאַר'ן פנים איהרען
„און שנעה נישט זיך גלייכען געקענט צו איהר שיין,
„איז דער מלך אַוועק, מלחמה געפיהרט,
„זיינען איהר סוויטע געוועזן איהרע טרעהרען.
„האָט זי אַ בעפעהל געלאָזט אויסקלינגען
, „קיינער זאָל נישט מיין חן בעזינגען,
, „ביז מיין מלך וועט זיך אומקעהרען!" '

און איהר האַר דער מלך האָט זי געטרייסט,

„הגם טעמפלען און טעראַסען
„ליגען אין חורבות און צעשטערט;
„דאָך וועט האַרציגער צערטעל דיינער
„אייביג רוהען אין מיינע ביינער.
„אָה, ירושלים, ירושלים,
„איך בין דיין האַר —
„נאָר פאַר מיר ביסטו געבוירען.
„איך בין דיין ווייַן
„און דו ביסט מיין קאָרן;
„מיר וועלען קיינמאָל נישט געהן פערלוירען."

צוהערענדיג זיך צו דעם זיסען געזאַנג בין איך איינגעשלאָפען, איידער כ'האָב בעוויזען צו שטעלען מיין דרינגליכסטע פראַגע; און ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף, איז זי שוין ניט געווען.

דער ימיאל בוים

ווי טרויעריג איז דער באַרג ווען די געליבטע קומט נישט צוריק, ווי זינלאָז די לבנה, ווי אָהן שום בעדייטונג די שטערען! דאָס געזאַנג פון די פייגעלעך האָט נישט געבערענגט קיין טרייסט, דאָס רוישען פון ים — קיין בשורה, ווייל איך האָב נישט געהערט די טריט פון דער געליעבטער מיינער. רחמנותדיג האָט דער שלאָף מיר צוגעמאַכט די אויגען, אָבער די טיהר פון מיין האַרץ איז פערבליבען אָפען; בלויז אַ שטילקייט האָט עס אָנגעפיהלט.

ביז דער שפּראָץ פון נייעם בעגינען האָט זי אַרויסגעבערענגט אינ׳ם קאַראַוואַן פון ליכט. איהרע האָר זיינען געשטאַנען אויפגעשטעלט ווי די גריוועביי דער זון אין מיטען טאָג, איהרע אויגען האָבען געשיינט ווי התגלות׳ן.

„זאָג מיר, אָה, זאָג מיר דאָך,“ האָב איך געשריגען ווי נאָר זי דערזעהען, „וואוהין פיהרסטו מיך?“

זי האָט געענטפערט, „איך האָב געזעהען מיין געליעבטען, אַ וואַנדערקינד זוכענדיג גאָט, און דער וועג צו איהם איז געווען פערהוילען. בין איך געגאַנגען פאָראויס, און געטראָפען דעם גאָלדענעם כוס פון שעהנקייט, אָנגעפילט מיט דער מילך פון גוטסקייט; און דאָס קינד איז מיר נאָכגעגאַנגען. איך האָב געוואוסט, אַז אָט דער פולער בעכער מוז פיהרען דאָס קינד צו איהם, דעם וואונדערליכען, וועלכער פערכאַפּט דיר דעם אָטעם.

„דערנאָך האָב איך געקוקט, און געזעהן דאָס קינד געפינט זיין וועג צו גאָט, וועלכער זיצט אין דער הויך און ווייט אַוועק אויף זיין כסא־הכבוד. און דאָס קינד האָט אָנגעכאַפּט די זוים פון זיין מלבוש, זאָגענדיג צו איהם, „אוי, טאַטע, פאָטער, קום אַראָב, און זיי נישט אַזוי ווייט פון אונז. אַלע טעג בענקען נאָך דיר, און אַלע, וואָס האָבען אַ שווער געמיט, ווילען דיך האָבען נאָהענט. קום אַראָב און זיי וואו זיי זיינען.“

„איך בין דאָס געוועזען מיין געליעבטענ׳ס תפילה פאַר גאָט.

„און גאָט האָט געענטפערט, „איך האָב בעלויכטען די טעג מיט מיין ליכט, און זיי וועלען שיינען פאַר דעם מענטשען אין אַ גאָלדענעם העלם און

זילבערנעם פאנצער, ווי חיילות פאר גערעכטיקייט; און אין זייער נאהענטער הערליכקייט וועלען אלע מיך זעהן.״׳

נאך דעם האט די נשמה פון ישראל פריידיג געוויזען אויפ׳ן ווארטענ־דיגען קאראוואן. „געה אוועק פון בית־הקברות! צום הר־הצופים!״

כהרף עין האט דער פיענעק זיך געגעבען א ריס אויס פון דער ערד, און אריינגעווארפען זיך אין קאראוואן. איך בין נאכגעגאנגען, און בעמערקט, אז איין ווארצעל טראגט דעם דיאמאנטענעם רינג מן הסתם צו ווערען איבער־געשליפען און איבערגעפאסט אין ירושלים. דאן איז די נשמה פון ישראל ארויף, אויסרופענדיג, נאך ירושלים! מלאכים, כרובים, אלע אופנים וחיות הקודש, טהוט אונז בעגלייטען! גיכער, גיכער.״

דער קאראוואן איז געשטיגען אלץ שנעלער און שנעלער, געשניטען זיך ווי א פאכענדע שווערד, און די פינסטערניש איז פערשוואונדען פונ׳ם וועג. מיר זיינען אריבער אייראפא, און די בערג פון יהודה און גליל, ווי זשיראפען האבען זיי אויפגעהויבען די קעפ איבער קעפ, ווען זיי האבען אונז געזעהן קומען. מיר האבען ארומגעקרייזט דעם הר־הצופים, און זיך אבגעשטעלט אויפ׳ן שפיץ. און דער פיענעק האט זיך געקאלערט צו דעם ארט, וואו איך האב ברעה געהאט אויפצובויען דאס הייליגע געוועלב, און וואו איך האב גע־זעהען דעם בוים פון טעג אין מיין חזיון, און האט פעסט זיך איינגעפלאנצט אין דער ערד.

ווי נאר ער איז געווען פערפלאנצט, האט פון איהם א שאס ארויס געטוהן א געוואלדיגער שטאם, מיט זיעבען צווייגען ביז צום הימעל. די מיטעלסטע צווייג איז געווען געקרוינט מיט אלע מינים בלומען, און די דריי צווייגען פון יעדער זייט מיט אלע סארטען פירות; בשעת די זיעבען שפיצען פון די צווייגען האבען געשיינט ווי דער הימעל־בער פון די זיעבען שטערען.

און די נשמה פון ישראל האט געזאגט צו מיר, „זעה, אט דאס איז דער דער ימיאל בוים, דער בוים פון די טעג פון גאט!״

און טויזענדער פייגעלעך האבען פליהענדיג אויסגעבראכען אין א גרוים געזאנג, גערופען אויף דעם הייליגען לשון, ,התעוררי, התעוררי! וואך אויף, וואך אויף!.״

די לייטער פון יצירה

די זעקס צווייגען פון די טעג פון דער וואָך האָבען אזוי לאַנג וויבּרירט, ביז זייערע פירות האָבען געקלונגען ווי גלאָקען, זיך זעהר אויסגעשפּרייט, און צונויפגעקנופּט זיך אינ'ם טאָפּעלטען דריי־עק פון מגן־דוד. בשעת איך האָב נאָך געקוקט, האָבן זיי זיך פערוואַנדעלט אין שטאַבּן, יעדער איינער האָט אָנגענומען אַן אַנדער קאָליר, און די שטאַבּען זיינען געפלויגען איינער איבער'ן אַנדערן. זיילען פייער האָבען זיי געהאַלטען צוזאַמען, און ווי אַ געוואַלדיגער לייטער האָבען זיי געגרייכט פון דער ערד ביז צום הימעל.

און די לייטער האָט געשריגען מיט אַ הויך קול, „מיר זיינען די זעקס שטאַפּליגע לייטער פון יצירה."

איין שטאַפּעל נאָך דעם אַנדערען האָט זיך פאָרגעשטעלט.

„איך בין פון צעשמאָלצענעם גאָלד, וואָרום איך בין די מדרגה פון רוח־הקודש."

„איך, בלישטשענדיג ווי אייז, בין די מדרגה פונ'ם ציטער."

די ווייטערדיגע האָט געקלונגען, „איך בין די גאָלדענע פלייט. איך בין די מדרגה פון מוזיק פון דער נשמה."

„איך בין פון געהאַרטעוועטען שטאָהל, וואָרום איך בין די מדרגה פונ'ם וואָרט."

„איך אייגענטליך בין ביין, וואָרום איך בין די מדרגה פון ביין."

„איך, אויסזעהענדיג ווי אַ סמאַראַגד, בין די מדרגה פון דער ערד."

אַלע אין איינעם האָבען געשריגען, „די פייער־זיילען, וואָס האַלטען אונז צוזאַמען, זיינען די אָטעמס פון דעם האַר, און מיר זיינען די לייטער פון יצירה. און אָט אזוי ווערט אַלץ בעשאַפען."

„ראשית גיט דער בורא פון זיך אַרויס דעם רוח־הקודש. דער רוח־הקודש ברענגט אַריין אַ ציטער אין דעם האַרץ פון דער וועלט, און דער שאַק געהט אַריין אין מענטש. דער מענטש ווייסט נישט דעם זין פון אָט דעם דאָזיגען ציטער ביז עס ריהרט אָן די כלי פון זיין נשמה. און די נשמה הויבט אָן צו

זינגען. דער נשמה'ס געזאַנג בעפּרוכפּערט דאָס וואָרט. דאָס וואָרט לעהנט אונטער דאָס פלייש; און דאָס פלייש דערהאַלט די ערד.

„די דאָזיגע זיינען עס די זעקס שטופען פון דער לייטער פון יצירה, וועלכע פערבינדען ערד און הימעל. און יעדע שטופע איז פערבונדען מיט די אַנדערע פינה. אויב אַ מענטש האָט אַלע זיעבען מידות פון אַ שלימות־דיגער נשמה, און מאַכט דעם געפערליכען שריט אַריבערצושפּרינגען איינע פון די דאָזיגע שטופען, מוזען זיין יצירה מפּילען. ער קען אפילו שטעהן זעהר הויך, און זיינע פינגער זיין אַנגעצונדענע ליכט אין גן־עדן, קענען זיי דאָך נישט לויכטען לאַנג, וואָרום די קנויט איז נישט אין זיי פון עק ביז עק. און אויב די נשמה פון אַ פאָלק איז נישט אין בעריהרונג בלויז מיט איינער פון די שטופען, קען זי נישט קומען אין הימעל אַריין און נישט דערהאַלטען די ערד. וועה איז צו יענע פעלקער, וואָס האָבען זיך אָבגעריסען פון הימעל, וואָרום זיי זיינען אַ קללה פאַר דער ערד! און וועה, וועה צו ישראל, וואָרום זינט ער האָט פערלוירען זיין ירושה ערד קען ער מעהר נישט אָברייסען קיין פירות פון הימעל: זיין נשמה נעמט אויף דעם ציטער, אָבער קען נישט געבוירען דאָס וואָרט, און דאָס נישט־אונטערגעלעהנטע פלייש געהט פערלוירען.

„אָבער דער, וועלכער קומט אין בעריהרונג מיט אַלע שטופען, איז דער חוזה פון דעם וואָס וועט זיין, און הערט דאָס קלאַפּען פון כביכול'ס הארץ; און דער אין־סוף וואָהנט אין די שפּיצען פון די אַרבייטענדיגע פינגער זיינע.

„און ווען איהר קינדער פון גאָט, הויבט אויף אייערע הענד צום הימעל מיט אַ תפילה נישט פאַר זיך אַליין; ווען איהר ברענגט איהם אַ מתּנה, אייער מיה — אַ קרבן־שלמים; זיינען דעמאָלט אייערע הענד אויך ווי זיילען, וואָס דערגרייכען פון די טיעפסטע תהומות צו די העכסטע מרומים. אייערע אָרעמס טראָגען דעם ערד־קיילעך, אייערע ביינער — דאָס פלייש, אייערע דלאָניעס טראָגען די מעשים און דאָס וואָרט פון אייער תפילה. אייער תפילה איז פערקניפּט מיט דער נשמה; אייער נשמה ציהט איהר יניקה פונ'ם געטליכען ציטער. דער געטליכער ציטער דערוועקט זיך ווען דער רוח־הקודש פון אייערע שפּיצען פינגער קומט פאַר גאָט."

פון דעם בוים פון טעג האָב איך געהערט אַ שיר, אַרויפגעהן און אַראָבגעהן אויף דער לייטער פון דעם האַר, פונקט ווי עס וואָלט זיך געטראָגען איבער אַ זעקס־סטרונינגער האַרפע. פון דער נשמה האָט זיך געריסען דאָס בענקענדיגע וואָרט, ווי מיט צוואַנגען, די קלאַנגען האָבען געציטערט מיט רוח־

הקודש; געשפּייזט מיט זיי דאָס פלייש, און געשפּייזט די ערד. דאָס קול פון געזאַנג האָט זיך געזאַמעלט, געטראָגען איבער די כוואַליעס פון די ימים, גע-טראָגען איבער באַרג און טאָהל, געגליטשט איבער שנייען, אַראָבגענידערט און צעאַקערט די מדבריות. געבויגען זיך פאַר סיני און געפלויגען איבער די בערג פון יהודה און גליל. פון דאָרטען, שנעל ווי שרפים, געהויבען זיך, גענידערט, געשטיגען און געהאַלטען זיך צו דער זעקס־שטופיגער לייטער, און הכנעה'־דיג געפאַלען צו די פיס פון ירושלים.

„אין זכות פון די טעג“

פון משה עובד

משה עובד איז אַ מיסטיקער, אַ מענטש פאַר וועמען יעדער שלייף פון מענטשליכער איבערלעבונג איז, אָדער דאַרף זיין, אַ סימבאָל פון טיפערער, סודות׳דיגער בעטייטונג. ער איז גוט בעקאַנט אַלס עקספּערט איבער אינ־טערעסאַנטע און זעלטענע יואוועלען, אַ נטיה וואָס די לייענער פונ׳ם דאָזיגען בוך וועלען זיכער פערשטעהן. הגם ער דערצעהלט אונז דאָ פון רעלאַטיוו פּראָזאאישע ענינים, ווי דער פערזוך צו עפענען אַ געוועלב אין ירושלים מיט דער הילף פון אַ יונגער, טאַלענטירטער מיטאַרבייטערין, ווי עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבען און פון זייער צוריק קומען קיין ענגלאַנד, פון כלערליי קונים, און אפילו פון אַ בעזוך אין איינער פון די קלענסטע קירכעס אין סאַסעקס, נעמט ער אָבער אָט די דאָזיגע דערפאַרונגען פון אַ געוועהנליך און טאָג־טעגליך לעבען און שטעלט זיי פאַר אונז אַוועק אינ׳ם ליכט פון אַ גאַנץ אַנדערער וועלט. דער פאַנטאַסטישער סטיל און שווערער העברעיסטישער סימ־באָליזם וועט אפשר נישט געפעלען יעדען איינעם, אָבער הינטער די דאָזיגע ליגט געדאַנק און אַ רעאַלע וואַרעמקייט און חוש פאַר שעהנקייט, סאַי אין דער נאַטור סאַי אין דער קונסט, און עובד׳ס דרך־ארץ, כמעט יראת־הכבוד, פאַר זיין אַרבייט און שאַפען און פאַר יעדענ׳ס אַרבייט, פערדיענט, אַז מען זאָל עס דאָך שטודירען אין דער דאָזיגער גלייכגילטיגער צייט, ווען די מאַשין איז די הערשערין.

„טיימס ליטעראַרי סופּלעמענט“, 5־טען אָקטאָבער, 1940.

„אין זכות פון די טעג“

איך בין איצט זעהר בעשעפטיגט מיט אַן איבערזעצונג, וואָס איך מאַך פון דאַנטע'ס ווערק און בין שוין אויפ'ן האַלבען וועג אין זיין „פּאַראַדיעז“, וואו די נשמות ווערען בעשריבען אין דער פאָרם פון איידעל־שטיינער, וועלכע ענדערען כסדר זייער אויסזעהען: ווען איך האָב געלייענט אייער בוך, „אין זכות פון די טעג“, האָט זיך מיר אויסגעדוכט, אַז עס איז דער המשך פון דער זעלביגער אַטמאָספּערע. אייערע שריפטען אַפּנים זענען בעלויכטען פון פּנימיות'דיגע כוחות, און דאָס אַריינדרינגען אינ'ם תוך און תכלית פון קיום, האַלט איך, איז די אימפּעראַטיווע נויט פון אונזער צייט.

....אייערע פאַנטאַזיעס האָבען מיך שטאַרק ערמונטערט.

לאָרענס ביניאָן

דעם 13־טען יולי, 1940

פון זעלבען מחבר — אין אידיש

אַרויס פון כאַאָס 1917

לעבענס־ליעדער 1924

וויזיאָנען און איידעל־שטיינער
האַנדעל און לעבען 1931
(אויטאָביאָגראַפישעס, אין איין באַנד)

אין חדר אַריין 1945

By the same Author in English:

OUT OF CHAOS **1918**

VISIONS AND JEWELS **1925**

GEMS AND LIFE **1927**

THE BOOK OF AFFINITY **1933**
(Coloured Drawings by Jacob Epstein)

FOR THE SAKE OF THE DAYS **1940**

די מערסטע ביכער, אַ חוץ „אין חדר אַריין“, זיינען איצט שווער צו בעקומען אויפ׳ן ביכער מאַרק. זיי געפינען זיך אין די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעקן פון לאָנדאָן, ירושלים און ניו־יאָרק.

Printed and Published in England
by
THE NAROD PRESS
129-131, Cavell Street, London, E.